STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05520

LE-KOVED YONTEV

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible
by William & Nita Henick
in memory of
Isadore & Tessie Henick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לכבוד יום טוב

א קאָלעקציע פון פאלקלאריסטישע ווערטלעך, שיחות חולין
און רבנישע טייטשונגען

צונויפגעקליבן און באארבעט

פון

דר. יצחק אונטערמאן

ארויסגעבער:

וואלף סאלים און בערנארד מארגענשטערן

ניו יאָרק 2, נ. י.

28

ס'איז פארבאטן איבערצודרוקן אדער איבערצוזעצן טיילווייז
אדער אין גאנצן אָן דער דערלויבעניש פון מחבר.

Printed in the U. S. of America
Federated Press
406 Vine St.,
Philadelphia, Pa.

דר. יצחק אונטערמאנ׳ס דערשינענע ביכער

אידיש:

אידישע און אלגעמיינע דערציאונג, שיקאגא 1916
פון די שחיטה שטעדט, ניו יאָרק 1928
געשיכטע פון אידן אין ניו דזשוירזי, 3 בענד, נוארק 1935
אונזערע ימים טובים, צוויי בענד, פילאדעלפיע 1936
די אידישע נביאים, צוויי בענד, פילאדעלפיע 1938
רש״י, פילאדעלפיע 1940
די תורה פארטייטשט, פילאדעלפיע 1944

העברעאיש:

מעשיות לילדים, 9 כרכים, ווארשא, 1921

ענגליש:

The Feast of Esther, Chicago, 1918
Graphic Portraits, Newark, 1918
The Jewish Holidays, 2 Volumes, Phila., 1940
Jewish Youth in America, Phila., 1942

מיט ליבשאפט געווידמעט מיינע קינדער:
טעאדאר הרצל, בן ציון, בתיה אסתר און ישראל.

Address of the Author:
Dr. I. Unterman,
208 S. 8th St.,
Philadelphia, Pa.

אריינפיר

אין שייכות מיט די אידישע ימים טובים, האבן זיך אין אי-דישן פאלקס-לעבן געשאפן א גאר גרויסע פאלקלאריסטישע לי-טעראטור וואס איז נאך ביז איצטער ניט צונויפגעזאמלט געווארן אין דער פולשטענדיקער גאנצקייט. די וויצן און פאלקס-מעשה׳-לעך זיינען ממש אן אוצר פון גאר גרויסן ווערט, און אין זיי ווערט אויף א בולט׳ן אופן ארויסגעבראכט דער כאראקטער און געדאנקען-גאנג פונם אידן.

דער יום טוב-וויץ איז לגמרי אנדערש פונם געוויינטלעכן, וואס ווערט געשאפן פאר פשוטן צייט-פארטרייב. דער יום טוב-וויץ, הויפטזעכלעך דאָס פאלקס מעשה׳לע און לומדישער טייטש, איז פון א פיל העכערן אינהאלט און באדייט. הגם בלויז באהאלטן און אומבאמערקט, מיט א רמז און דרש, גיט דער דאָזיקער וויץ א קלארן אנדייט אויף אונזער גאנצן לעבנסשטייגער מיט אלע אונ-זערע אינסטיטוציעס, מנהגים, גלויבונגען און פאראורטיילן.

די גרעסטע צאל וויצן האבן זיך געשאפן ארום דעם יום טוב פסח און ראש השנה. פסח איז דער איד פרייליך און פריי, דער-פילט זיך מעשה מלך, איז ער דאמאלט אין דער ריכטיקער שטימונג צו שאפן הלצות, שפאסן, וויצן און ווערטלעך אין וועלכע ער לאכט

לכבוד יום טוב

גוטמוטיק אַפּ פון זיך אליין און זיין פינסטערן גורל. ראש השנה איז דער איד ערנסט און פילאזאפיש פארטראכט, מאכט מיט זיך א חשבון הנפש און ציט ארונטער א סך הכול פון זיינע אויפטו-אונגען און דערגרייכונגען, איז ער דאמאלט גענויגט צו מאכן קריטישע באמערקונגען און צו זאגן ווערטלעך מיט א ביטול׳דיקן און הבל-הבלים׳דיקן אַנדייט. יעדער יום טוב ברענגט דעם אידן אין זיין באזונדערער שטימונג, און דער וויץ און ווערטל איז דעריבער א פארשידנארטיקער און רירט אָן אן אייגנארטיקן שטריך אינם אידישן פאלקס כאראקטער און פאלקס-לעבן.

ס׳איז איבערהויפט אן אלגעמיינע אידישע כאראקטעריסטיק צו איראניזירן אין פארשידענע פארמען און אויסדרוקן איבער דעם אייגענעם לעבן. די איראניזירונג גיט אים כח און מוט דורכצומאכן אָט די אלע שוועריקייטן און שטערונגען וואס ער בא-געגנט טריט און שריט. אין חדוה אדער אין צער, אין יום טוב׳-דיקייט אדער אין וואכעדיקייט, זאגט דער איד א וויץ. דער פאלקס-מענש זאגט א פשוטן, און דער תלמיד חכם — א לומדישן. דער אידישער וויץ איז ריין אידיש, און פארמאגט זיין נאציאָנאלן אייגנארטיקן קאָלאָריט. ער איז קודם כל שארפזיניק און חכמה׳-דיק, וואס בלויז א איד קאָן אים תופס זיין. והשנית איז ער דער רעזולטאַט פון דער אייגענער טראגישער לאגע, וואס איז אודאי ניט בנמצא ביי אנדערע פעלקער. אפילו די פילאזאפישע פאר-טראכטונג איז אויך א ריין אידישע. דער איד איז ניט רוי, ניט וואולגאר און פראפאן, נאר טיף-דענקנדיק און שארף-בליצנדיק. דער איד איז אויך תמיד גוטמוטיק, און אפילו בעת ער קריטיקירט און איראניזירט איז ער אויך ווייט פון שנאה און שלעכטסקייט.

צוועלף

לכבוד יום טוב

ביי די אומות העולם שאצט מען זער הויך דעם פאלקלאר, און מען פרעזערווירט אים מיט גרויס איבערגעבנקייט לדור דורות. ביי אונז אידן האָט מען אזוינס ביז איצטער נאָך ניט באוויזן צו טאן, הגם עס זיינען געווען געגוג פארזוכן אלץ צו פארצייכענען. דער פונדאמענט איז שוין דאָ, און מיין אויפגאב איז בלויז צו־צולייגן נאָך א ציגל צום גרויסן בנין פון פאקלאריסטישן מא־טעריאל.

פון דר. יצחק אונטערמאן

דרייצן

פסח

א שוטה איז א פארפאלענער.

כנגד ארבעה בנים דברה תורה, אחד חכם ואחד רשע, ואחד תם ואחד שאינו יודע לשאול. ר׳ נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגן, אייגנטלעך איז קשה פארוואָס האָט דער בעל הגדה געשטעלט דעם רשע פארן תם? וואָס איז ער אזא מיוחס? נאָר דער תירוץ איז: א נאר שטייט נידעריקער פון א רשע. א רשע קען תשובה טאָן און ווערן אויס רשע. אָבער א נאר — איז א פארפאלענע זאך...

לך־לך, לך־כי לך, לך אף לך.

עטלעכע הפקר-יונגען האבן טרעפנדיק דעם קעלמער מגיד זאגן מוצאי שבת „ויתן לך”, אים א פרעג געטאן:

— זאָגט אונז, רבי, פארוואס האָט מען די עשרה מכות אריינ-געשטעלט אין דער הגדה און ניט אין ויתן לך?

דערביי האבן זיי שטארק באטאנט דעם ווארט „לך” און גע-וויזן מיטן פינגער אויפן מגיד.

— פארשטייט איר מיך — האָט דער מגיד געלאסן אפגעענט-פערט — ווען די מכות וואלטן געשטאנען אין „ויתן לך” וואלט עס ניט געקלעקט פאר אייך אלעמען. אז זיי שטייען אבער אין די הגדה, איז: לך ולך, לך כי לך, לך אף לך — גענוג פאר יעדן הפקר-יונג.

ואתא כלבא

א חברה הפקר-יונגען זיינען געשטאנען ערב פסח הינטער די פענצטער פון א פרומען איד און אָפּגעלאכט פון זיין סדר-אָפּ-ריכטן און הגדה-זאָגן. ווען מען האָט ביים דאָזיקן איד געעפנט די טיר צו שפוך חמתך, איז איינער פון זיי אריינגעשפרונגען אין

לכבוד יום טוב

שטוב און געפרעגט חוצפהדיק דעם הגדה זאָגער:

— פעטער! ווי האַלט איר אין דער הגדה?

— איך האַלט ביי: ואתא כלבא — האָט דער עזות פּנים באַקומען אַן ענטפער...

די 3 בקשות פון מרדכי ראַקאָווער

מרדכי ראַקאָווער, דער באוואוסטער לץ אין לובלינער רבינ'ס הויף, האָט געזאָגט אַז ווען ער זעט זיך מיט רבוש"ע וואָלט ער ביי אים געבעטן אַ היתר אויף דריי זאַכן: צו רויכערן אַ ציגאַר נאָכן טשאָלנט אום שבת; צו טרינקען אַ שלוק וואַסער נאָך כל נדרי און אויסצווווישן מיט אַ שטיקל חלה דאָס טעלערל פון פיש-יויך אין פּסח...

צוויי גילדן — צו ביליק!

א דאָרפס מאַן זאָגט די הגדה. ווען ער קומט צו חד-גדיא, גיט ער פּלוצלינג אַ פאַרמאַך די הגדה און רופט אויס: די מעשה געפעלט מיר עפּעס נישט: פאַר צוויי גילדן אַ גאַנצע קאָזע, און נאָך ווען? נאָך האַלבע נאַכט! — דאָס איז שוין נישט גלאַטיק; ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט אפשר גאָר אַ געגנבעטע קאָזע...

רשע מה הוא אומר:

איינער האָט געטייטשט: „רשע מה הוא — אומר". דער רשע, וואָס ער איז אַליין, דאָס זאָגט ער ארויס. ד. ה. מען קאָן דערקענען אַ מענטש לויט זיינע ארויסגעזאָגטע מיינונגען. לויבט ער אָרענטלעכע מענטשן, איז אַ סימן, אַז ער אַליין אזוי אויך אָרענטלעך. לויבט ער ווידער רשעים, איז אַ סימן, אַז ער אַליין איז אויך נישט בעסער פון זיי.

זעכצן

זוען די פיס שאקלען זיך.

ר׳עקיבא אייגער איז געווען א גרויסער מכניס אורח. פסח צום סדר פלעגט ער איינלאדן עטלעכע אורחים, אָרימע אידן. כל דכפין... זיצנדיק ביים סדר, האָט איינמאָל איין אורח אומגעקערט זיין כוס און פארגאָסן דעם ווייסן טישטוך מיט וויין. דער אָרימאַן האָט זיך פארשעמט און דערשראָקן.

ר׳עקיבא האָט דאס באמערקט און כדי דער אורח זאָל ניט מבויש ווערן האָט ער גלייך א שאָקל געטאָן דעם טיש אזוי אז זיין אייגענער כוס האָט זיך איבערגעקערט און פארגאָסן דעם יום-טובדיקן טישטוך. — א, ווייזט אוים, — זאָגט ר׳ עקיבא אז ביים טיש שאָקלען זיך שוין די פיס...

אַ גרויסער נס.

איינמאָל ביים סדר, ווען עס איז געקומען צום „כן עשה הלל״, שטעלט זיך אנידער דער באלעבאָס און זאָגט:

— ברוך שעשה לנו נס במקום הזה!

וואונדערן זיך אלע מסובים און פרעגן אים: — וואס פאר א נס האָט דאָ אידן געטראָפן?

האָט דער באלעבאס געענטפערט: — עס איז דאָ פשוט א נס פון הימל וואָס הלל פלעגט אריינלייגן מרור צווישן די מצות. וואס וואָלטן מיר געטאָן ווען הלל לייגט אריין א פאָדקאָווע צווישן די מצות?..

כל הבן הילוד היארה תשליכוהו

פארוואָס האָט פרעה געהייסן אריינוואַרפן אין וואסער נאָר די זין און נישט די טעכטער? ווייל ער האָט געוואוסט, אז אויב עס וועלן נישט זיין אויף דער וועלט קיין זכרים, וועלן די מיידלעך אליין זיך שוין וואַרפן אין וואסער...

לכבוד יום טוב

ביז דער קעשענע.

ר׳ אייזיק חריף, פון סלאָנים, איז געגאַנגען אין גאַס ערב פסח און באַמערקט אַ סלאָנימער גביר, באַרימט אַלס אַ גרויסער קמצן, שטייט און טרייסלט די ברעקלעך פון די קעשענעס עס זאָל חלילה אין זיי ניט פאַרבלייבן קיין ברעקל חמץ.

— אייגענטלעך, — מאַכט צו אים ר׳ אייזיקל, — האָט איר גאָרניט געדאַרפט אַזוי טרייסלען די קעשענעס, וואָרים דער דין איז אַז מ׳דאַרף בודק זיין „עד מקום שידו מגעת״. אייער האַנט אָבער דערגרייכט נאָר ביז דער קעשענע...

מיט מצה קאָן מען ניט טונקען.

מ׳האָט איינגעלאַדן אַן אורח אויף שבת. אַ רייכע הויז געווען. מ׳האָט דערלאַנגט אויפן טיש פון כל טוב און אַ פלעשל בראַנפן אויך. דער אורח האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן פלעשל. גענומען איין כוס, און נאָך איינעם און אַ דריטן. עס ווילט זיך אים נעבאַך נאָך אַ פּאָר כוסות, אָבער אַ מענטש איז דאָך ניט קיין חזיר. עס פּאַסט ניט, האָט ער זיך מישב געווען און גענומען טונקען. מיט ווייכע חלה טונקט זיך זייער גוט, און אין קורצן איז געוואָרן אַ יבשה אין פלעשל.

דער בעלעבאָס האָט עס באַמערקט, פרעגט ער דעם אורח.

— האָט איר געלערנט חומש?

— נו, געוויינלעך, — ענטפערט דער אורח, וועלכער איד לערנט דאָס ניט קיין חומש?

— כ׳האָב אייך געוואָלט פרעגן, — מאַכט ווייטער דער בעלעבאָס, — צוליב וואָס האָט משה רבנו געדאַרפט שפּאַלטן דעם ים? ס׳זיינען דאָך געווען קיין עין הרע ששים רבוא אידן. האָט ער זיי דאָך געקאָנט געבן ווייכע חלה צו טונקען, וואָלטן זיי געמאַכט אַ יבשה?

אכטצן

— וואָס איר זאָגט — ענטפערט דער אורח — איז טאקע אמת. פארגעסט ניט אָבער אז עס איז געווען פסח... מיט מצה קאָן מען ניט טונקען...

דער ריכטיקער נשיא

א גבאי א גרויסער עם הארץ און דערצו אויך א בעל מום מיט א האלבער נאָז, האָט ערב פסח געפרעגט ביים רב:

— רבי, וואס פאר א נשיא לייענט מען היינט?

דער רב, א פקח און וויצלער, האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— היינט, מיין ליבער איד, איז „בעז נשיא" (בעז נאָסי — אָן א נאָז).

תם און שאינו יודע לשאול.

א רב האָט געהאלטן א דרשה שבת הגדול איבער דער שווע־רער סוגיא פון טעם בעיקר. פרעגט אים אן עם הארץ נאָך דער דרשה:

— רבי, אין דער הגדה ווערט דאָך דער תם דערמאנט ערשט דער דריטער, טא פארוואס איז ביי אייך דער תם דער עיקר?

האָט דער רב א שמייכל געטאן, און געענטפערט:

— כ'האָב טאקע א טעות געהאט. קאָנטיק, אז דער שאינו יודע לשאול איז גאר דער עיקר.

א רבי דרשנ'ט.

דער חסידישער רבי דרשנ'ט: זכרנו את הדגה — מיר דער־מאנען זיך אן די פיש אשר נאכל — וואס מיר וועלן עסן לעתיד לבוא.

רופט זיך אפּ א חסיד: רבי־לעבן, ס'שטייט דאָך אבער גלייך דערנאָך „במצרים"?

ענטפערט אים דער רבי: נו, שטייט טאקע דערנאך דער ווארט „חנם” צו ווייזן, אז „במצרים” איז אומזיסט ארייגעשטעלט.

ניט קיין מכות נאר רבנים.

צוויי אידן זיינען געקומען צום רב. א מקבל שוחד, אויף א דין תורה. דער רב הערט אויס די טענות.

— מ'דארף מעין זיין אין דעם ענין, — זאָגט דער רב, — קומט מאָרגן.

איינער פון די בעלי דין האָט פארשטאַנען אז דאָ האנדלט זיך וועגן קבלת שוחד, זאָגט ער:

— רבי, איך וועל אייך דערציילן א מעשה: א מאן מיט זיין ווייב זיינען געזעסן און געפראוועט דעם סדר של פסח. ווען ער האָט אָנגעהויבן זאָגן מיט א ניגון „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע”, האָט זיין ווייב גענומען אַפּגיסן ביסלעכווייז פון איר כוס

— ניין, מיין ווייב, — זאָגט ער, — דאָס זיינען ניט די צען מכות, דאס זיינען אזעלכע רבנים.

דערנאָך ווען עס איז געקומען צו די צען מכות נעמט דער מאן אַפּגיסן פון זיין כוס.

— דאָס איז שוין ניט קיין רבנים? — פרעגט די אידענע.

— ניין, — ענטפערט ער איר, — איצט איז מכות. ניט רבנים...

א סדר ביי ישובניקעס.

דער שניידער און דער שוסטער פון דאָרף זיינען געווען שכנים. די ערשטע נאכט פון פסח האָט זיך דער שניידער ארומגעזען אז ער האָט פארגעסן ווי צו פראוועז דעם סדר. איז ער זיך מישב און גייט א קוק טאָן ביים שוסטער ווי ער איז זיך נוהג. ער גיט א קוק דורך דעם פענצטער און זעט ווי דער שוסטער דערלאנגט זיין אידענע וואזשנע פעטש און זי רייסט אים פאר דער באָרד

מיטביידע הענט.. גייט ער צוריק אהיים און פּאַרט אריין זיין אשה צוויי וואזשנע פּעטש. הויבט זי אָן וויינען און קלאָגן. מאכט ער צו איר: — בריינע, איך בעט דיך: פאַרשטער מיר ניט דעם סדר. נאַ, הויב אָן רייסן די באָרד....

צו פרי אָפּגעזאָגט די הגדה

אן אפּיקורס איז אמאָל פּסח ביינאכט אריינגעקומען צו זיין פּעטער פּונקט אין מיטן דער הגדה. דער פּעטער פרעגט אים: אפשר וועסטו מיטהאַלטן דעם סדר און צוזאַמען זאָגן די הגדה?

— ניין, פּעטער לעבן, ביי מיר איז שוין נאכ׳ן סדר!

— ווי אזוי ביסטו עפּעס אזוי באצייטנס פאַרטיק געוואָרן? — וואונדערט זיך דער פּעטער.

רופט זיך דערויף אָפּ דער ישיבה-בחור, וואָס האָט אויך געסדרט ביים פּעטער און גוט געקענט דעם קרוב׳ס אויפפירונג:

—ס׳איז כלל נישטאָ וואָס צו וואונדערן זיך — ער הויבט אָן די הגדה פון „דבר אחר”...

באַגראָבן אַ אידן איז ניט קיין מצוה.

צו ר׳ חיים צאַנזער איז אמאָל געקומען א חסיד. צווישן אנ-דערעס האָט ער אים דערציילט אז ער גייט אויסדינגען די ארענדע ביים פּריץ וואָס האָט ביז איצט געהערט צו אן אנדער אידן.

— גייסטו, הייסט דאָס, מסיג גבול זיין א אידן, — ווערט ר׳ חיים א צעקאָכטער.

— ער איז ניט קיין איד, — מאכט דער חסיד, — ער איז רשע מרושע, אן עובר ישראל, אן אפּיקורוס גמור; ער האָט גאָרניט דאָס ווערט מ׳זאָל אים רופן: איד.

— כ׳וועל דיר דערקלערן דעם ענין — מאכט ר׳ חיים. — אויפן פּסוק׳ ואת ערום ועריה, מאכט דער מדרש: ערום ועריה בלי מצוות,

געוועז נאָך מכת חשך און די חז״ל זאָגן אונז אז בשעת דער מכה פון חשך האָבן די אידן זיך מתעסק געוועז אין דער קבורה פון פושעי-ישראל וואָס זיינען דאמאלסט אויסגעשטאָרבן. אויב אזוי האָבן זיי דאָך יאָ געהאט א מצוה: באגראבן די אידישע רשעים. טאָ פארוואָס זשע זאָגט דער פסוק: ערום ועריה? דער תירוץ איז אָבער: באגראָבן א אידן, אפילו אן עובר ישראל, איז גאָר קיין מצוה ניט...

קרח אין דער הגדה

אין א שטאָט האָבן זיך אמאָל צובונטעוועט די עמי-הארצים און פראָטעסטירט קעגן די לומדים, הלמאי זיי נעמען זיך שטענדיק די בעסטע און פעטסטע עסן, פארנעמען די שענסטע שטעט אין שול אויף דער מזרח-וואנט און קוקן מיט ביטול אויף די פראָסטא-קעס. האָבן זיי דערפאר באשלאָסן צו גרינדן א חברה מתפללים פון לויטער עמי הארצים, וואו קיין למדן זאָל נישט האָבן קיין דריסת הרגל. איינמאָל, בעתן לייענען די פרשה קורח גיט דער בעל-קורא (אויך אן עם-הארץ) א קלאפּ אין טיש אריין, בכן ער האָט געפונען א גרייז אין דער ספר-תורה: עס שטייט דאָרט „קרח" מיט א קו״ף און נישט מיט א כ״ף ווי עס שטייט אין דער הגדה של פסח: „כורך"!... איז קהל אוועק אויף א באראטונג און אָנגע-נומען אזא רעזאָלוציע: אמת טאקע די ספר-תורה איז פסול, אָבער אויך דער בעל קורא איז פסול, ווייל: א למדן — ארויס פון דער חברה!

פסח און ראש חודש.

א איד אן עם הארץ, קומט אהיים פסח פון דאווענען און שרייט אוים:

— א גוט יום טוב דיר, מיין ווייב, גרייט צום טיש, וועלן מיר עסן וועטשערע!

צוויי און צוואנציק

דאס ווייב זיינס, וואס האָט זיך געהאַלטן פאַר א מיוחסת, רופט זיך אָפּ:

— מיין טאַטע, עליו השלום, פלעגט פריער אָפּריכטן א סדר און זאָגן „נשמת" און „הלל", און דו בעטסט גלייך עסן!

— ענטפערט איר דער מאַן:

— פאַרשטייסטו מיך, אז דער ערשטער טאָג פּסח געפאַלט אום שבת, זאָגט מען „נשמת"; אויב ער געפאַלט אום ראש חודש, זאָגט מען „הלל"; געפאַלט ער אָבער אין א וואָכנדיקן טאָג, עסט מען אָפּ וועטשערע און מען גייט שלאָפן.

פּסח אין אן עיבור־יאָר.

ערב פּסח האָט דער ישובניק געבראַכט די הגדה אן איינגע-בונדענע פון שטאָדט. האָט אָבער דער איינבינדער פאַרזען און א בלעטל פון סליחות איז אַריינגעקלעפּט געוואָרן אין דער הגדה. אז עס איז געקומען צו די מכות, הויבט דער ישובניק אָן אָפּצוגיסן פון כוס און צו זאָגן: אשמנו, בגדנו, גזלנו, און אזוי כסדר.

וואונדערט זיך זיין בנ'אָק, און פרעגט:

— טאַטע, פאַרוואָס עפּעס זיינען היינטיקס יאָר פאַראַן אזוי פיל מכות?

צעשרייט זיך דער טאַטע:

— גראָבער יונגג, וואָס דו ביסט, האָסט פאַרגעסן אז היינטיקס יאָר איז אן עיבור-יאָר?!

אַ גאַסט מעג טרינקען.

ר' מענדעלע קאַצקער האָט איינגעלאַדן אן אורח צום פּסחדיקן סדר. ווען עס איז געקומען צו אליהו הנביאס כוס און ר' מענדעלע און אַלע מסובים האָבן געזאָגט „שפוך חמתך", האָט דערווייל דער אורח געכאַפּט און אויסגעטרונקען אליהו הנביאס כוס. ווען זיי

לכבוד יום טוב

האָבן געענדיקט זאָגן „שפוך חמתך" און ר' מענדעלע האָט געזאָגט: מ'זאָל אָנגיסן דעם פערטן כוס האָבן אלע באמערקט אז אליהו הנביאס כוס איז א ליידיקער. האָט זיך דער אורח שטארק פאַרשעמט. מאכט ר' מענדעלע:

— ר'איד, שעמט זיך ניט. איר זייט דאָך ביידע געסט: זי און אליהו. ער האָט ניט געוואָלט טרינקען האסטו געמעגט טרינקען...

מ'זאָגט ניט על נטילת ידים.

א ישובניק איז אמאָל געקומען צו זיינעם א פריינד אין שטאָט פראוועץ דעם ערשטן סדר. ווען מ'האָט זיך געוואָשן די הענט דאָס ערשטע מאָל, האָט דער ישובניק געמאכט די ברכה אין דער הויך, אלע זאָלן הערן: ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצוונו — —

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר א מין ברכה ? — פרעגט אים זיין פריינד.

— אזוי שטייט ביי מיר אין דער הגדה, — ענטפערט דער ישובניק. — מ'וואשט זיך און מ'זאגט ניט על נטילת ידים.

אַ קאַרגער מאַכט ערגער

עס שטייט אין דער הגדה: ר' יהודה היה נותן בהן סימנים: דצ"ך, עד"ש, באח"ב. איז דאָך א קשיא: צו וואָס אייגנטלעך האָט ר' יהודה געדארפט געבן סימנים אויף די מכות? ענטפערט מען אזוי: ס'איז א דבר ידוע, אז ביי יעדער מכה מוז מען אָפּגיסן פון כוס א טראָפּן וויין. ר' יהודה איז אבער געווען א קארגער — ס'איז אים א שאָד געווען דער וויין, האָט ער די צען מכות אפּגעקירצט און געמאכט פון זיי דריי ווערטער, כדי אזוי ארום איינצובריינגען זיך זיבן טראָפּנס וויין, וואס טוען אבער אונזערע אידעלעך? — נעמען זיי טאקע אָן ר' יהודהס תקנה, אבער צוזאמען מיט דעם

פיר און צוואנציק

גיסן זיי ווייטער אַפּ ביים ארויסזאָגן יעדער מכה א טראָפּען וויין. אזוי ארום האָט ר׳ יהודה, אנשטאָט איינשפּאָרן זיבן טראָפּנס נאָך דערליינט דריי...

בנים איז אויך א מכה!

אן ארענדאר, א גרויסער עם-הארץ, זיצט ביים סדר און שרייט אויס הויך אויפן קול: „דם, צפרדע, בנים״.. שלאָגט אים איבער זיין איידים, א שטיקל בן-תורה און זאָגט: — שווער, דאָס מאכט נישט „בנים״, נאָר „כנים״.

— דול נישט קיין ספּאָדעק! — ענטפערט אָפּ דער ארענדאר מיט כעס — בנים איז אויך א מכה!

מילכיקע ארבע כוסות.

ערב פּסח איז צו ר׳ יאָשע-בער בריסקער געקומען א איד מיט א שאלה. „רבי, — פרעגט ער, — מעג מען על פּי דין יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילך?

„ביסט חלילה, קראנק? — פרעגט אים דער רבי.

„ניין, — ענטפערט דער איד, — נאָר איר ווייסט דאָך, רבי, שווערע צייטן, וויין דארף קאָסטן א פּאָר רובל און פּרנסה איז בדוחק.

„על פּי דין, — זאָגט ר׳ יאָשע-בער — מעג מען יוצא זיין אויך מיט מילך״, און תוך כדי דיבור נעמט ער ארויס א צען רובל און גיט אים.

ווען דער איד איז אוועקגעגאנגען פרעגט אים די רביצין:

— יאָשע-בער, כ׳פארשטיי נים, וואָס ביסטו, א גביר, וואָס דו ווארפסט זיך מיט צען רובל? וויין אויף ארבע כוסות צו קויפן איז נים געגוג א פּאָר רובל?

— נארעלע, — זאָגט איר ר׳ יאָשע-בער, וואָס פארשטייסטו

ניט? אז א איד קומט בעטן אויף מילך, איז דאָך א סימן אז עס איז ניטאָ קיין פיצל פלייש אין שטוב, וואָרים ווען ער האָט יאָ, ווי קען ער דען טרינקען מילכיקע ארבע כוסות?

א שפיגל צום סדר

א ישובניק האָט צום סדר צווישן די מיני ירקות ארויפגעלייגט אף דער קערה אויך א שפיגעלע:

— וואס באדייט עס? — האָט אים געפרעגט דער ישיבה בחור וועלכן דער ישובניק האָט פארבעטן צום סדר.

— עס שטייט דאָך אין דער הגדה — ענטפערט דער ישובניקס גלייך: — חייב אדם לראות את עצמו — א מענטש דארף ביים סדר זיך זען...

געטלעכע חשבונות

פונוואנען איז געדרונגען אז גאָט כביכול איז ניט קיין גוטער בעל חשבון?

פון דער הגדה. ס׳שטייט: הקדוש ברוך הוא חשב את הקץ — גאָט חשבונ׳ט דעם קץ, האלט ער שוין באלד צוויי טויזנט יאָר אין איין חשבונ׳ען און קיין סוף איז נאָך אלץ ניטאָ.

מכות פעלן ניט

א ישובניק האָט זיך אמאל געזעצט צום סדר, און אנשטאָדט אן הגדה האָט ער על פי טעות גענומען א מחזור. הויבט ער אָן זאגן, און ווייסט ניט וואו ער איז דאָ אין דער וועלט.

— און וואו זיינען די מכות? — האָט דאָס ווייב זיך געוואונדערט.

— אָט זיינען זיי — ענטפערט דער ישובניק און הויבט אָן

זאגן — אָשמנו, בגדנו גזלנו. . .

— אָבער וואס עפּעס אזוי פיל מכות ? — פרעגט די אידענע — האלסט דאָך שוין ביים אויסגיסן דעם גאנצן כוס!

— וואס זאל איך טאן, אז היינטיקס יאָר האבן מיר אזוי פיל מכות? — ענטפערט דער ישובניק תם׳עוואטע.

שעמען מעגט איר זיך!

א ישובניק וואס האָט געהאלטן א מלמד פאר זיינע בנים, האט אין דער וואָך פאר פּסח געזאגט צום מלמד:

— רבי, איך וועל איינהאלטן אייער געלט איר זאלט מיט מיר פארבלייבן אויף פּסח און מיר ווייזן ווי אזוי אפּצוריכטן דעם סדר.

ניט האבנדיק קיין ברירה, איז דער מלמד פארבליבן און אפּ-געריכט דעם סדר. ווען ס׳איז געקומען צו „יחץ״, האָט דער מלמד ארויסגעשלעפּט די מיטלסטע מצה און א העלפט פון איר ארונ-טערגערוקט אונטערן קישן. אז דער ישובניק האָט עס דערזען, האָט ער אויסגעשריען מיט כעס:

— שעמען מעגט איר זיך! וואס הייסט איר באהאלט א האלבע מצה, איך זשאלעווע אייך דען, חלילה? עסט אייך געזונטערהייט וויפיל נאר איר ווילט, אבער באהאלטן גאר? שעמען מעגט איר זיך!

קיצור המעשה

א ישובניק האט געפּראוועט דעם סדר און געקלאפּט די הגדה אויף זיין עם הארצישן שטייגער. איז עם די פלונית׳טע זיינע גע-ווארן צו לאנגווייליג, און זי רופט זיך אפּ צו אים:

— אָ נו, לאמיר שוין הערן וואס פאר א מעשה ס׳דערציילט זיך דאָרטן!

לכבוד יום טוב

— וואס זאָל איך דיר זאָגן — ענטפערט דער ישובניק — פּרעה איז געווען אַ „סוקין פּראָסוקין סין" (אַ הינטישער סין" אַ הינטישער זון), און איצט דערלאַנג די קנײדלעך!

ביד חזקה שתים

אַ ישובניק איז געזעסן בײַם סדר, און ווען ער איז געקומען צום פּסוק „דבר אחר ביד חזקה שתים", פרעגט אים זײַן בנ'אָק: סטײטש, טאַטע, ווי קומט עפּעס אַ דבר אחר אין דער הגדה?

ענטפערט אים דער ישובניק: פאַרשטייסט, מײַן קינד, די הייליקע הגדה ווייסט אַז ווען אידן וועלן זיך זעצן צום סדר, וועט דער דבר אחר וועלן אַרײַנקריכן און צעשטערן. אָט דערפאַר האָט מען אונז אָנגעזאָגט: ביד חזקה! מ'זאָל דעם דבר אחר דערלאַנגען מיטן קולאַק און טאַמער וועט ער נאָך אַלץ בלײַבן אַ דבר אחר, איז שתים — זאָל מען אים דערלאַנגען אַ צווייטן מאָל.

צא ולמד מה בקש לבן

אַ רײַכער ישובניק איז געקומען מיט זײַן שיינער טאָכטער אין שטאָדט טאָן אַ שידוך. איז ער אַרײַן צום ראש הישיבה און אים געזאָגט:

— רבי, קלויבט מיר אויס צוויי פון די בעסטע בחורים. איך אַליין קאָן זיי ניט פאַרהערן אין לערנען, טאָ זאָלן זיי אַליין מיר דערווייזן פון דער הייליקער תורה ווער פון זיי עס דאַרף זײַן מײַן איידעם.

דער ראש הישיבה האָט אויסגעקליבן צוויי בחורים, איינער אַ שוואַרצער וועמען מ'האָט גערופן: דער טאַטער; דער צווייטער אַ ווייסער וועמען מ'האָט גערופן: לבן.

אכט און צוואַנציק

— העי, כלאָפּצעס, — רופט זיך אָפּ דער ישובניק צו די צוויי בחורים — באַווייזט מיר אין די הייליקע ספרים ווער פון אייך ס'דאַרף זיין מיין איידעם!

האָבן די צוויי בחורים דערזען אַז ס'מיידל איז אַן אמתע יפת תואר און איר טאַטע איז רייך ווי קורח, האָבן זיי פאַרקנייטשט די שטערנס און געפונען מאמרים.

רופט זיך אָפּ דער שוואַרצער, דער וועמען מ'רופט „טאַטער":

— ס'שטייט געשריבן: תדיר ושאינו תדיר קודם — אַ טאַטער און איינער וואָס איז ניט קיין טאַטער, איז דער טאַטער פריער.

זאָגט דער ווייסער, דער וועמען מ'רופט „לבן":

— ס'שטייט בפירוש: צא ולמד — גיי און פרעג דאָס מיידל, מה בקש — וועמען זי וויל בעסער, לבן — דעם ווייסן!

הערט דער ישובניק אויס די צוויי מאמרים, און זאָגט:

— וואו ס'שטייט געשריבן וועגן „טאַטער" ווייס איך ניט, אָבער דעם „לבן" האָב איך אַליין געזען אין דער הגדה, טאָ וועל איך אים נעמען פאַר אַן איידעם.

אַ שטיק למדן

אַ רב האָט שבת הגדול געהאַלטן אַ דרשה איבער דעם ענין „טעם בעיקר". נאָך דער דרשה גייט צו אים צו אַ איד וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל למדן, און גיט אים אַ פרעג:

— רבי, וואָס האָט איר עפּעס היינט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אייער דרשה?

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט? — פרעגט דער רב דערשטוינט.

— מילא, איר האָט גערעדט וועגן „תם" — ענטפערט דער איד — פאַרשטיי איך; ס'איז דאָך אַ פאַרשוין אין דער הגדה. אָבער וואָס האָט דער תם צו טאָן מיט ככר? דוכט זיך, אַז אפילו אַ תם

לכבוד יום טוב

ווייסט אויך אז פסח טאר מען ניט עסן קיין ככר לחם, קיין שטיק ברויט!

טוט דער רב א שמייכל און זאגט:

— נו, א רב קאָן אויך מאכן א טעות! אט האב איך געמיינט, אז איר זענט בלויז א שטיקעלע למדן, און לסוף זע איך אז איר זענט גאר א „שטיק" למדן!

א קמצן וואס איז א למדן

צו א היימישן אידן, א גרויסן קמצן, איז מען געקומען בעטן א נדבה אויף מעות חטים.

— איר דארפט געבן גאר א גרויסע נדבה כנגד די ארבעה בנים אין דער הגדה — זאגט צו אים איינער פון די געלט-זאמלער.

— אויב שוין יאָ כנגד די ארבעה בנים, דארף איך אייך געבן א גאר קליינע נדבה — ענטפערט דער קמצן וואס איז אויך א שטיקל למדן — ווארן איר ווייסט דאָך: א חכם גיט ניט, א רשע וויל ניט געבן, בלייבט דאָך בלויז איבער דער תם און דער שאינו לשאול, טא וועט פאר אָט די צוויי זיין גענוג א קליינע נדבה.

גאָט איז גערעכט.

געווען אין א שטאדט אן עזות פנים'ניק, וואס פלעגט יעדן איינעם באליידיקן. מאכט זיך אז אין שטאדט קומט אָן א יונגער-מאן א למדן און פיקח וועמען מ'האט צוגעטיילט א סך כבוד. דער עזות פנים'ניק האָט אים אָבער כסדר באליידיגט און קריטיקירט. אזוי איינמאל, אזוי א צווייטן מאל, און דער יונגערמאן פאר-שוויגט אלץ.

מאכט זיך אבער איינמאל פסח-צייט, און דער עזות פנים'ניק טרעט אים שטארק אָן בפני כל עם ועדה. פארלירט דער יונגער-מאן דעם געדולד, און זאגט צום עזות פנים'ניק:

דרייסיק

— ס׳איז מיר ביז איצט קשה געווען אויפן מעשה׳לע מיט דער חד גדיא: שטייט זיך אן אומשולדיק ציגעלע און פיטערט זיך, קומט צולויפן א ווילדע קאץ און פרעסט עס אויף. איז די קאץ אומגערעכט. קומט צולויפן א הונט און בייסט די קאץ, איז דער הונט גערעכט. קומט דער שטעקן און שלאגט דעם הונט — איז דער שטעקן אומגערעכט. קומט דער פייער און פארברענט דעם שטעקן — איז דער פייער גערעכט; קומט דער וואסער און פאר־לעשט דעם פייער — איז שוין דער וואסער אומגערעכט; קומט דער אָקס און טרינקט אוים דאָס וואסער — איז דער אָקס גע־רעכט; קומט דער שוחט און קוילעט דעם אָקס — איז דער שוחט אומגערעכט; קומט דער מלאך המות און קוילעט דעם שוחט — איז דער מלאך המות גערעכט; קומט דער רבונו של עולם און קוילעט דעם מלאך המות — איז דער רבונו של עולם אומגערעכט. איז דאָך אבער די קשיה: ווי קאָן עס געמאלט זיין אז דער רבונו של עולם זאל, חלילה, זיין אומגערעכט? ס׳שטייט דאָך: צדיק ד׳ בכל דרכיו!

איצטער אבער האב איך איינגעזען, אז מיר מוזן דעם פשט פון „חד גדיא" לערנען גאנץ אנדערש:

שטייט זיך אן אומשולדיק ציגעלע און פיטערט זיך, קומט די ווילדע קאץ און פרעסט עס אויף, איז די קאץ אודאי אומגערעכט. קומט אבער דער הונט און וויל די קאץ בייסן און שטראפן, פרעגט מען אים: דו כלב איינער, ווי קומסטו א הונט מיט ביינער צו ווערן א מוכיח? הייסט עס, אז דער כלב איז אן עזות פנים׳ניק וואס איז ווערט דעם שטעקן, איז שוין ממילא דער סוף א גוטער און גאט בלייבט דער גערעכטער. דער שטעקן וואס דערלאנגט דעם כלב דעם עזות פנים׳ניק, איז גערעכט; דער פייער וואס פארברענט דעם שטעקן איז אומגערעכט; דער וואסער — גערעכט; דער אָקס — אומגערעכט; דער שוחט — גערעכט; דער מלאך המות — אום-

לכבוד יום טוב

גערעכט, און גאט, כביכול? — צדיק ד׳ בכל דרכיו, גאט איז גע-רעכט און זיין משפט איז גערעכט!

א גערעכטע טענה

א איד וואס האט ליב געהאט דעם ביטערן טראפן, האט זיך פארטראכט ביים זאגן די הגדה. פרעגט אים דער זון זיינער:

— טאטע, וואס האסטו זיך עפעס אזוינס פארטראכט?

— איך טראכט — ענטפערט דער איד — וואס מיר אידן ווערן תמיד געקריוודעט. אט האט דער רבונו של עולם געגעבן פרעה׳ן גאנצע צען מכות, און אונז אידן בלויז ארבע כוסות. הלמאי האט ער בעסער ניט געגעבן פרעה׳ן פיר מכות און אונז צען כוסות!

א ישובניק א למדן...

א ישובניק איז אמאל געקומען אין א ישיבה אריין און גע-בעטן דעם ראש ישיבה אז ער זאל אים אויסקלייבן א פיינעם בחור פאר זיין בת-יחידה, און ער זאל הייסן „פסח״.

דער ראש ישיבה האט אים געשיקט א בחור פסח. האט דער ישובניק געבעטן דעם בחור אויף מיטאג. אויפן טיש האט דער ישובניק אוועקגעלעגט א גאנץ ברויט, אבער קיין מעסער האט ער אים ניט געגעבן.

דער בחור האט זיך געוואשן, זיך געזעצט צום טיש און וויל אפשניידן א „המוציא״ — זוכט ער, און געפינט ניט קיין מעסער. דערלאנגט אים שוין דער ישובניק א מעסער.

נאכן מיטאג מאכט דער ישובניק צום בחור: „ביזט א פיינער בחור, פסח, אבער ניט פאר מיין טאכטער!״

נעמט דער ראש ישיבה און שיקט א צווייטן בחור, אויך מיטן נאמען פסח. דער צווייטער איז ניט געווען קיין נאר, פרעגט ער

דעם ערשטן, ר'זאָל אים זאָגן וואס ס'איז דאָרטן פאָרגעקומען, דער ערשטער בחור דערציילט די געשיכטע מיטן מעסער.

דער בחור קומט צום ישובניק אויף מיטאג, דערלאנגט אים דער ישובניק א גאנץ ברויט, אבער ניט קיין מעסער. נעמט דער בחור ארויס זיין אייגן מעסערל, וואס ער האָט מיטגעבראכט, און שניידט אָפּ א „המוציא".

נאָכן מיטאג מאכט דער ישובניק צו אים: „דו ביזט מיין טאכ-טער'ס באשערטער, און זאָל זיין אין א גוטער שעה!"...

פרעגט דער ישיבה בחור: „פון וואנען ווייסט איר דאס, מחותן?" ענטפערט דער ישובניק: „כ'וויים עס פונעם סידור! קאדאָשים כאלים — (הבכור והמעשר והפסח קדשים קלים) — א בחור וואס האָט א מעסער און הייסט פסח, ער דאַרף מקדש זיין די כלה"...

כבדהו וחשדהו

ר' בערעלע, א פשוטער תמימות'דיקער איד, איז קרוב צו פסח געזעסן אין בית המדרש און געטראכט ווי אזוי מען שטיקעוועט אוים דעם יום טוב. קיין מעות חטים וויל ער ניט, קיין געלט האָט ער אויך ניט, זעצט ער זיך אוועק און שרייבט אָן א בריוועלע צום רבונו של עולם:

— טאטע-פאטער, באשער דיין קנעכט, בערל בן שמערל, כשר געלט אויף פסח!

אויפגעשריבן דאָס בריוועלע, האָט עס ר' בערעלע פול מיט בטחון און האפענונג אריינגעלייגט אין ארון הקודש.

אין יענער צייט איז דער גרויסער נדבן ר' משה מאנטעפיאָר ארומגעפאָרן איבער אידישע שטעדטלעך, און אנגעקומען אין שטעדטיל וואו ר' בערעלע האָט געוואוינט. ווי זיין שטייגער, איז

לכבוד יום טוב

ער אוועק אין שול אָנקוקן די אלטע חפצים. עפנט ער אויף דעם ארון קודש און געפינט דארטן ר' בערעלע'ס בריוול צום רבונו של עולם.

אויפן צווייטן טאג שיקט ער רופן ר' בערעלע, דערלאנגט אים א הונדערטער און זאגט:

— ר' בערעלע, גאט האָט געלייענט אייער בריוול, און האָט מיך געמאכט פארן שליח אייך צו ברענגען דאָס געלט!

קומט ר' בערעלע אהיים צום ווייב א צעטראגענער און פאר-זארגטער, און גיט איר איבער דעם הונדערטער. באמערקט אבער ס'ווייב זיינס די פארזארגטקייט און צעטראגנקייט, און פרעגט אים:

— בערעלע, קרוין, וואס ביסטו אזוי צעטראגן און פארזאָרגט? גאט האט דיר באוויזן אזא גרויסן נס, און דו ביסט גאר פאר-זארגט?!

מאכט ר' בערעלע צום ווייב:

— פארשטייסט, אונזערע חכמים זאגן: כבדהו וחשדהו — גיב איטלעכן אָפּ זיין כבוד, אבער זיי אים אויך חושד. ר' משה מאנ-טעפיאר מעג זיך טאקע זיין א שליח פון גאט און דערפאר דארף מען אים אָפּגעבן א סך כבוד, אָבער חושד זיין דארף מען אים אלץ. ווער ווייסט וויפיל ער האָט אראָפּגענומען שכר טרחה?!

א רמז מדאוריתאָ

די חכמים זאגן: ליכא מידי דלאָ רמיזאָ באוריתאָ — ניטאָ א זאך וואס איז ניט אָנגעוואונקען אין דער תורה. איז אויב אזוי, וואו איז ערגעץ פאראן א רמז אז א פרוי קאָן קיין סוד ניט האלטן און מוז אים באלד אויספּויקן?

איז דער תירוץ, אז ס'שטייט: ותקח מרים את התוף בידה — מרים האָט גענומען די פּויק אין האנט און אויסגעפּויקט. איז מה-דאָך מרים האָט אויסגעפּויקט א זאך וואס אלע האבן שוין

פּיר און דרייסיק

געוואוסט, אַ כל-שכּן אַ זאַך וואָס קיינער ווייסט נאָך ניט וועט דאָך אַ פּרוּוו אוּדאי אויספּויקן.

כּל בן נכר לא יאכל בו

ביי אמעריקאַנער אידן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שפּאָגל נייער מנהג, אַז וואו נאָר עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכע שמחה, אַ באַנקעט אָדער סתם אַן אונטערנעמונג, זעצט מען אויבנאָן אַ קריסטלעכן גאַסט.

מילאָ צי אַזוינס איז באמת אַ סגולה קעגן אַנטיסעמיטיזם, איז נאָך אַ גרויסער ספק. אָבער אַז ס'שטערט דעם אינטימען אויס-לעבן זיך עכט אידישלעך און שמחה'דיק, איז אַ פאַקט דכולו עלמאָ לאָ פּליגאָ.

דער קרבן פּסח איז געווען דער ערשטער און גרעסטער אידי-שער פאָלקס-באַנקעט, און ביי אַזאַ וויכטיקער געלעגנהייט וואָלט מען אוּדאי באַדאַרפט איינלאַדן כאָטש אַ מנין גויים און זיי זעצן אויבנאָן. דאָך זאָגט אונז די תורה: כּל בּן נכר לא יאכל בו — דער פּסח איז כּשר למהדרין מן המהדרין אפילו אָן אַ גוי.

טמאים נדחים לפסח שני

ווערליק דעם דין טאָר אַ טמא ניט פּראָווען דעם קרבן פּסח, נאָר איז אים מדחה אויף פּסח שני, דעם פירצנטן טאָג אין אייר.

איז אַמאָל געקומען אַ משולח צו אַ גביר בעטן אַ נדבה. דער גביר זייענדיק אַ גרויסער קמצן, האָט זיך אַרויסגערוקט דורך אַ הינטער טיר כּדי אויסצומיידן דעם משולח. דער משולח האָט אים אָבער אָנגעיאָגט, און צו אים געזאָגט:

— איר ווייסט, ר' איד, מיט אייער אַרויס'גנבענען זיך דורך אַ הינטער טיר האָט איר מקיים געווען אַ גרויסע מצוה: דער דין

לכבוד יום טוב

איז, אז טמאים נדחים לפסח שני, האָט איר, א טמא׳ניק, טאקע אזוי געטאָן: בעת איך בין אריין דורך איין טיר (פסח), זענט איר ארויס דורך דער אנדערער (פתח שני).

א ראיה פון מצרים.

דער באוואוסטער גאון, ר׳ חיים בריסקער, איז אמאל אינגל-ווייז געזעסן ביים פאָטער, ר׳ יוסף בער סאלאווייטשיק, אין בית דין שטיבל בעת א בעל הבית איז געקומען פרעגן א שאלה:

— רבי, — האָט דער בעל הבית געזאגט — כ׳האב זיך צו-קריגט מיט מיינעם א פריינט און געגעבן א שבועה אז איך וועל זיין פנים ניט אָנקוקן. איצט איז דער פריינט מיינער געשטארבן, און איך בין איינער פון דער חברה קדישאָ וואס מוז זיך מיט אים מתעסק זיין. וויל איך וויסן צי איך מעג דעם מת אנקוקן אדער ניט?

באותו הרגע טוט דער קליינער חיים׳ל א שפרונג אויף און וויל ארויסגיין פון בית דין שטוב. מאכט צו אים דער פאטער, ר׳ יוסף בער:

— חיים׳קע, וואוהין לויפסטו? הערסט דאָך, א איד פרעגט א שאלה, איז דיר גארניט אינטערעסאנט צו וויסן דעם דין?

— יאָ, טאטע, כ׳האָב געהערט די שאלה, און איך וויים שוין דעם דין.

אדרבאָ, לאָמיר הערן!

— איך לערן אָפּ דעם דין פון פרשה בשלח. ס׳שטייט: לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם — איר וועט שוין די מצריים מער קיינמאל ניט זען, און דערנאך שטייט: וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים — און ישראל האָט געזען די מצריים טוידטע ביים ברעג פון ים. איז דערפון געדרונגען, אז א טוידטן שונא מעג מען יאָ אָנקוקן.

זעקס און דרייסיק

פסח'דיקע וועלט־קשיות.

פארוואס קלויבט מען מעות חטים בלויז אויף פסח און ניט אויך אויף סוכות?

איז דער תירוץ: אויף פסח זאגט די תורה „שבעת ימים תאכלו מצות" און אויף סוכות בלויז „בסוכות תשבו שבעת ימים". פסח איז טאקע א מצוה צו עסן, אָבער סוכות דארף מען בלויז זיצן אין סוכה און אויף זיצן דארף מען קיין געלט ניט.

ווער איז געווען דער ערשטער נעמער?
משה! ווי ס'שטייט אין פסוק: כמשה נאמר.

פארוואס איז א מצוה זיך צו לאזן אפשערן די האָר אויף פסח?
ווייל די הגדה זאגט בפירוש: מצוה עלינו לספר.

פארוואס זאגט מען „א גרויסער גוי מיט שטארקע ביינער"?
ווייל ס'שטייט אין פסוק: גוי גדול עצום ורב.

פונוואנען איז געדרונגען אז אברהם אבינו איז געווען א קצב?
פון א בפירוש'ן פסוק: לאברהם אבינו בברית בין הבתרים.

פארוואס, פרעגט די וועלט, זיינען די מצריים געווען שווארצע?
ענטפערט די וועלט: מחמת זיי האבן געהאט צו טאן מיט אידישע ארבעטער, זיינען זיי, נעבאך, פארשווארצט געווארן...

מיט וואס איז א מאן פסח אנדערש ביי זיין ווייב?
מיט איבערגעשטעלטע אותיות. א גאנץ יאָר איז ער ביי איר א „למך" און פסח איז ער ביי איר א „מלך".

אין חד גדיא ווערט דערציילט, אז עס איז געקומען דער מלאך המות און געקוילעט דעם שוחט, וואס האָט געקוילעט דעם אָקס, וואס האָט געטרונקען דאָס וואסער וואס האָט אויסגעלאשן דעם פייער, און אזוי כסדר.

לכבוד יום טוב

פרעגט די וועלט: פאַרוואָס איז עס געקומען דעם שוחט צו קוילענען? איז עס דען ניט זיין מלאכה צו קוילענען אָקסן?

ענטפערט די וועלט: דער מלאך המות שעכט און בלייבט גע-רעכט. אן ערלעכער שוחט וועט זיך ניט אנטרינקען מיט ארבע כסות און דערנאך גיין שחט'ען אן אקס. טוט ער עס יא, פאַרדינט ער דעם מלאך המות.

קורח אין דער הגדה.

א ישובניק האָט געפּראַוועט דעם סדר, און אַלץ איז צוגע-גאַנגען אין אָרדענונג ביז ער איז צוגעקומען צו „כורך".

— טאַטע — פרעגט אים דער בנ'אָק זיינער, ווי קומט קורח צום סדר?

האָט דער טאַטע פאַרקנייטשט דעם שטערן, מעשה תלמיד חכם, און געענטפערט:

— דאָס קומט אונז צו לערנען, מיין זון, אז א מענש טאָר זיך ניט האַלטן גרויס. אָט זיצן מיר, א דאַנק דעם אויבערשטן, און טרינקען וויין און עסן קניידלעך, און מאָרגן, חלילה, קאָן מיט אונז טרעפן וואָס ס'האָט געטראָפן מיט קורח'ן און איינגעזונקען ווערן.

אריינגעזעצט אין חד גדיא

א ישובניק האָט אַפּריכטנדיק דעם סדר גענומען זאָגן דעם חד גדיאָ מיט ביטערע טרערן. פרעגט ביי אים ס'ווייב זיינס:

— מיין מאַן, וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי צעוויינט ביים סוף פון דער הגדה?

ענטפערט דער ישובניק: ווי זאָל איך ניט וויינען אז מ'האָט אַזעלכע גרויסע צדיקים ווי ר' שונרא, ר' כלבאָ, ר' חוטרא און ר' נורא אריינגעשפּאַרט אין חד גדיאָ?!

אכט און דרייסיק

פסח

אידישער פארמעגן

די וועלט פרעגט: וואו איז ערגעץ אהינגעקומען דער גרויסער פארמעגן וואס אידן האבן ארויסגעפירט פון מצרים?

ענטפערט די וועלט: אידן האבן, ווי ס'איז דער שטייגער, גע־האלטן זייער פארמעגן ביי קורח'ן דעם גרויסן גביר, און ווען קורח איז איינגעזונקען געווארן איז דאָס גאנצע אידישע פארמעגן אריין מיט אים אין דר'ערד.

דער זכר פון גאלד און זילבער

די וועלט פרעגט: אויפן סדר־טיש לייגט מען אוועק מרור און חרוסת כדי זיך צו דערמאנען אין דער ביטערניש און איינעם ליים־קנעטן, טא פארוואס לייגט מען אויך ניט אוועק גאלד און זילבער ווי א זכר פון דעם האב־און־גוטס מיט וואס אידן זיינען ארוים פון מצרים?

ענטפערט די וועלט: פון דער ביטערניש און ליים־קנעטן איז נאָך איצטער אויך פאראן גענוג. אבער פונם גאלד און זילבער איז שוין לאנג קיין זכר ניטאָ.

אַמעריקאנער חזנים

איר האָט דאָך מסתמא אמאָל געהערט די מעשה פארוואס אין אמעריקע קען יעדער איד ווערן א חזן; עס שטייט אין דער תורה, אז ווען משה האָט ארויסגעפירט די אידן פון מצרים און די אידן זיינען אריבער דעם ים איז — „אָז ישיר משה!" — פון דעם נעמט זיך, וואס יעדער „מוישע", וואס איז נאר אריבער דעם ים און אָנגעקומען קיין אמעריקע, איז אַן „אָז ישיר" און ער ווערט א חזן.

נייז און דרייסיק

לכבוד יום טוב

א נגידישער תירוץ

מיט וואס פארענטפערט זיך א נגיד ווען ער וויל ניט באצאלן זיין „בעבור שנדר"?

ער פארענטפערט זיך מיט די ווערטער פון דער הגדה: בעבור זה — דעם דאָזיקן בעבור שנדר, לא אמרתי — האב איך גארניט געזאגט.

א קשיא און תירוץ

פרעגט אמאל א גראָב־אינגל זיין גראָב־יונגישן טאטען:

— טאטע, אין „הלל" שטייט: „הים ראה — וינס הירדן", אז דער ים האָט געזען, וואס איז דער ירדן אנטלאָפן?

— אָט דאס פרעגט דאָך טאקע דער „הלל" אליין: „מה לך הים, כי תנוס הירדן?" וואָס איז עס מיט דיר ים, וואס דער ירדן אנטלויפט...

אוי לרשע ואוי לשכנו

פונוואנען איז געדרונגען, אז א מענש לערנט זיך אָפּ פון זיינע שלעכטע שכנים?

ס'שטייט ויירד מצרימה — ויהי שם לגוי גדול, ער האָט אראָפּ־געניד'ערט אין מצרים... און דארטן געווארן א גרויסער גוי.

שלום צווישן דער „פּאַסקע" מיט דער מצה

א פרומער דייטשער יאהודי, וואָס האָט געוואוינט אין דער ווייטער וועסט, האָט זיך פארליבט אין א גויע און האָט מיט איר חתונה געהאט. פאר דער חתונה האָט ער אויסגערעדט מיט זיין גוי'עשער ווייב, אז זיי זאָלן זיך ניט שטערן איינער דעם צווייטן אין זייער רעליגיאָן.

פערציק

אזוי האָבן זיי אָפּגעלעבט א צייט און דער איד איז געשטאָרבן.

נאָך זיין טויט איז געקומען די פרוי צו די אידן און געבעטן, מ'זאָל איר מאן מקבר זיין אויף דעם אידישן „בית עלמין". דערביי האָט זי דערציילט, ווי שטאַרק פרום ער איז געווען, אז אום פסח, ווען זיי פלעגן עסן פון איין שיסל פלעגט זי בראָקן די „פּאַסקע" און ער די מצה, און אז עס פלעגט צושווימען א שטיקל „פּאַסקע" צו זיין שיסל פלעגט ער דאָס אוועקשטופּן מיט דער לעפל און ניט פאַרזוכן. . .

„חמצ'דיג" געמאַכט די הגדה.

ביי א ישוב'ניק האָט זיך אמאָל צעריסן די הגדה. דער איינבינ-דער, צו וועמען דער ישוב'ניק האָט די הגדה געבראַכט איינבינדן, איז געווען (זאָל ער אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, אויב ער איז א שוכן עפר, אויב ער לעבט, זאָל ער לאַנג לעבן) א שטיקל עם הארץ. ער האָט אזוי פיל פאַרשטאַנען אין די שווארצע פּינטלאַך, ווי דער ישובניק אליין. ביים איינבינדן האָט ער געמאַכט א מורא'-דיקן טעות. ער האָט צווישן די בלעטלאַך פון דער הגדה איינגע-בונדן א בלעטל פון אן אלטער סליחה, וואָס האָט זיך געוואָלגערט, נאָ פּאָהיבעל, אויפ'ן טיש.

ביים סדר, ווען דער ישובניק האָט געהאַלטן אין רעכטן מיטן הגדה זאָגן, איז ער פּלוצלונג אראָפּ פון וועג און האָט אָנגעהויבן זאָגן אויפ'ן קול: „הנשמה לך והגוף פעלך, חוסה על עמלך"! עס וואָלט אפשר אַלץ אריבער כשורה און עס וואָלט קיין רעש ניט געווען פון דער גאַנצער מעשה, איז גראָד אויף צו-להכעיס, האָט ער געדאַרפט נעמען אויף דעם פסח צו זיך אַן אורח, אַן אָרימאַן, וואָס איז געווען מער למדן פאַר'ן ישובניק, און ווי דער אורח האָט דערזען וואוהין דער ישובניק איז פאַרקראָכן, האָט ער זיך זייער פאַנאַנדערגעלאַכט. דער ישובניק איז צעמישט געוואָרן. דער אורח

האט גענומען די הגדה און האט אים געוויזן וואס דער איינבינדער האט אים אפגעטאן. דער ישובניק האט שוין די נאכט ניט געקענט שלאפן פון גרויס פארדרוס. ער האט קוים טאג דערלעבט. און ווי עס איז נאר ליכטיק געווארן איז ער אוועק אין שטאט צו-פוס; ארייגעפאלן מיט גרויס האסט צום איינבינדער און האט אים מכבד געווען מיט עטלאכע פעטש. „דאס איז דאך א ווילענציע, וואס אין דער וועלט ניט געהערט געווארן! — האט ער זיך צעשריען — מען זאל נעמען א בלעטל פון א חמצ'דיקער סליחה און ארייינשטעלן אין א פסח'דיקער הגדה, און מען זאל ברענגען כרת-יארן אויף א גאנצער געזינד, רחמנה לצלן.

אמעריקאנער אידיש

אן ארטאדאקסישער איד, א סוחר, שיקט ערב פסח זיינעם אן אמעריקאנער געבוירענעם בחור'ל צום רב פארקויפן דעם חמץ. קומט דער בחור'ל צום רב, און זאגט אויף זיין אמעריקאנער אי-דיש:

— פאפא גיט דיר דעם קאמעץ (חמץ), און דו ברען!...

צוליב די גרויסע מענשן.

ערב פסח האט די ווייב געשיקט דעם מאן ער זאל קויפן א הגדה. דער מאן איז אוועק און האט געקויפט א הגדה. גייענדיק צוריק מיט דער הגדה, איז ער אריינגעגאנגען אין שענק נעמען אביסל שנאפס. אביסל נאך אביסל — ביז וואנען ער האט פארזעצט די הגדה.

צום סדר פרעגט ביי אים די ווייב: „וואו איז די הגדה?" זאגט ער: איך וועל דיר דערציילן:

„איך האב געקויפט די הגדה און בין געגאנגען אהיים. אויפ'ן וועג עפן איך אויף די הגדה, איך האב דערזען דארט אזוינע גרויסע

מענשן! אַ—וואַ! סאַראַ גרויסע מענשן! ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא און רבי טרפון... נו, ווי נעמט מען ניט מיט זיי אַביסל שנאַפּס?!... בין איך אַריין אין שענק און מיר האָבן גענומען צו ביסלאַך, איז ביי זיי שלאָפע קעפּ, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין שענק און איך בין געקומען אַהיים.

„רבנים" און „מכות"

פּסח צום סדר זיצט ר׳ ישראל מיט זיין ווייב שרה די געשטראָפטע. שוין צען יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד איז נאָך ביי זיי ניטאָ. ר׳ ישראל זאָגט די הגדה און שרה הערט זיך איין. ווען ער האָט אָנגעפאַנגען: „מעשה ברבי אליעזר", מיט דעם זעלבן ניגון וואָס מען זאָגט „דם, צפרדע"... האָט שרה גענומען טונקען דעם פינגער אין דעם כוס אַריין.

— ניין, מיין ווייב — זאָגט צו איר דער מאַן — מאַכסט אַ טעות, דאָס זיינען גרויסע רבנים. — און ער זאָגט ווייטער די הגדה ביז ער קומט צו די ריכטיקע „דם", „צפרדע". זיין ווייב שרה מיינט, אַז דאָס זיינען אויך, מסתמא, פון די רבנים, שרייט זי אויס:

— אַי, רבונו של עולם! בענטש מיך כאָטש מיט איינעם פון זיי!...

— ניין, מיין ווייב, — דערקלערט איר דער מאַן, — דו האָסט ווייטער אַ טעות. די פריערדיקע זיינען טאַקע געווען רבנים; די איצטיקע זיינען — מכות...

שלעכטע שדכנים

פונוואַנען איז געדרונגען אַז דורך שלעכטע שדכנים קריגט מען אַ ווייב אַ צרה?

פון דער הגדה. ס׳שטייט: וצרה — משלחת מלאכי רעים.

לכבוד יום טוב

חד גדיא, חד גדיא.

צוויי חסידים פון פארשידענע רביים האָבן זיך געטראָפן אמאָל צוזאמען.

— מיין רבי, זאָל לעבן, — זאָגט איינער, — איז א גדול, ממש אַ חד בדרא.

— מיינער, — זאָגט דער אַנדער חסיד, — איז אויך אַ חד בדרא.

די וועלכע זיינען דערביי געשטאנען, האָבן א פרעג געטאָן:

— ווי קען דאָס זיין צוויי חד בדרא'ס?

— וואָס איז דער וואונדער? — זאָגט איינער פונ'ם עולם, — אז ס'קען זיין ביי אידן צוויי חד גדיא'ס, קען אויך זיין צוויי „חד בדרא'ס". . .

פסח'דיקע ביר.

אַ ישוב'ניק האָט אמאָל געוואָלט ברענגען דעם רב א מתנה, אז ער זאָל אים האָבן צו געדענקען. געטראַכט און געטראַכט: וואָס אזעלכעס זאָל ער מאכן, אז עס זאָל ביים רבי'ן זיין חשוב?

איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה צו מאכן ביר אויף פסח. אזוי ווי ער האָט געוואוסט, אז דער רבי איז זייער אַן אָפּגעהיטענער איד און ער וועט ניט טרינקען אבי וועלכן ביר, האָט ער זיך מיט אַלעם אליין מתעסק געווען פון אָנהויב ביז'ן סוף. ער האָט קיינעם ניט געלאָזט זיך צורירן דערצו. ביז ס'איז ארויסגעקומען דער אמת'ער פסח'דיקער ביר.

ערב פסח, מיטאָגצייט, קומט ער זיך צופאָרן אין שטאָט אריין, פארפאָרט גלייך צום רב און טראָגט אים אריין אַ פעסל פסח'דיקע ביר וואָס ער האָט אליין געמאכט.

דער רבי האָט דאָס דערזען, הויבט ער אָן שרייען:

— גוואַלד! נעם עס ארויס פון מיין שטוב! ס'איז חמץ!

פיר און פערציק

דער ישוב'ניק האָט זיך שטאַרק באַליידיקט:

— סטייטש, רבי! איך האָב עס אַליין געמאַכט, אָפּגעהיט ווי דאָס אויג פון קאָפּ. אָבי איר, רבי, זאָלט האָבן פּסח'דיקע ביר.

דעם רב'ס טענות, וואָס ער האָט אים אויפגעוויזן פון „שולחן ערוך" און „יורה דעה", אַז ביר איז חמץ, האָט גאָרניט געהאָלפן, ביז דער רבי האָט גענומען אַ פּשוט'ע הגדה, אויפגעמישט דאָס ערשטע בלעטל און אים געוויזן, אַז אַפילו אין דער הגדה שטייט בפירוש: „על ביעור חמץ". דאָס הייסט, אַז אַלע ביר זיינען חמץ.

דאַן האָט ערשט דער ישוב'ניק פאַרשטאַנען און געלאָזט דעם ביר אויסגיסן.

מדרש פּליאה אויף „חד גדיא".

פאַראַן אַפּיקורסים, רחמנא לצלן, וואָס פרעגן קשיות אויפ'ן הייליקן „חד גדיא" און פון זייערע טרייפענע קשיות קומט אויס אַז דער אויבערשטער, כביכול, איז אומגערעכט. וויל איך „משום דע מה שתשיב לאַפּיקורס" איינזעצן דעם פּשט מיט אַ מדרש פּליאה. כדי צו פאַרשטאָפּן די אַפּיקורסים זייערע טרייפענע מיילער. אָט איז דער מדרש:

אָמר רבי שלומיאל — זאָגט רבי שלומיאל: מאי דכתיב, וואָס שטייט מיר געשריבן: אשת חיל מי ימצא — אַ ווייב, אַן אשת חיל, ווער קען געפינען? ה"ה דכתיב איז שוין רעכט, וואָס עס שטייט געשריבן: צדיק ד' בכל דרכיו — דער אויבערשטער איז גערעכט אין אַלע זיינע וועגן. וואו קריגט מען אַן אשת חיל? עס איז טאַקע זייער שווער צו קריגן אַן אשת חיל. על פּי רוב פאַלט מען אַריין אין אַ שלימעזאַלניצע. און אַז די באַלעבאָסטע איז אַ שלימעזאַלניצע, איז די קאַץ אַ נאַשערקע, היינט אַז די קאַץ האָט אויפגעגעסן די „חד גדיא", דאָס ציגעלע, הייסט עס, איז זי גע-וועזן גערעכט, ווייל די באַלעבאָסטע איז אַ שלימעזאַלניצע, און דער

הונט איז אומגערעכט. דער שטעקן גערעכט, דער פייער אומגערעכט. דער וואַסער גערעכט, דער אָקס אומגערעכט. דער שוחט גערעכט, דער מלאך-המות אומגערעכט און גאָט איז גערעכט.

א „טייטש" אין די „מכות" פונ'ם בעלזער רבי'ן

רבי יהודה היה נותן בהם סמנים: דצ"ך, עד"ש, באח"ב. לאָמיר נאָר פאַרשטיין, וואָס זאָגט אונז דאָ רבי יהודה? וואָס באַדייטן זיינע סמנים?

דער פּשט איז: „דצ"ך עד"ש", פרעה דיך עשו, באח"ב, ס'וועט קומען דיין בראָך. „דצ"ך", לשון דיצה (פריידן), „עד"ש", איז „עשו", וואָס האָט די בכורה פאַר עדשים (לינדזן) פאַרקויפט: פרייט זיך עשו אויף די צרות און יסורים, וואָס ער האָט אָנגעטאָן צו די בני ישראל. זאָגט אונז רבי יהודה: בא — חב, ס'קומט זיין בראָך.

אַז דו ווייסט — וואָס דאַרפסטו פרעגן?

א ישוב'ניק האָט ניט געוואוסט, ווי אזוי מען דאַרף אָפּריכטן דעם סדר. האָט ער געשיקט זיין ווייב זי זאָל גיין קוקן צום שכן הינטערן פענסטער, און דערנאָך אים איבערגעבן אַלץ, וואָס יענער טוט.

די ישוב'ניצע גייט צו נאָהענט צום שכנ'ס פענסטער און זעט, ווי יענער שלאָגט זיין ווייב אומ'ברחמנות'דיק. מיינט זי, אַז אזוי דאַרף מען אָפּריכטן דעם סדר, קומט זי אריין צוריק אין שטוב אין איין שרעק.

— נו מיין ווייב, זאָג וואָס האָסטו דאָרטן געזען? — פרעגט איר דער מאַן.

זי האָט אָבער מורא צו זאָגן, וואָס זי האָט געזען, שווייגט זי.
— וואָס שווייגסטו ווי א גולם און ענטפערסט ניט קיין וואָרט?

זעקס און פערציק

— ווערט דער מאַן אין כעס.
זי שווייגט אַליין.
דאָ ווערט שוין אונזער ישוב'ניק נאָך מער אין כעס און לאָזט אַראָפּ זיין פּלונית'טע אַ פּאָר גוטע פּעטש.
— אַז דו ווייסט שוין אַליין, — רופט זיך אָפּ די ישוב'ניצע,— ווײנענדיק, — וואָס-זשע דארפסטו נאָך פרעגן. . .

ער וויינט צו „חד גדיא".

אַ ישוב'ניק איז געזעסן צום סדר. ווי עס איז געקומען צום סוף פון דער הגדה און דער ישוב'ניק האָט גענומען זאָגן „חד גדיא", האָט ער זיך שטארק פאַנאַנדערגעוויינט.
צום סדר איז געווען ביי אים אַן אורח, פרעגט ביי אים דער אורח:
„בעל הבית לעבן! וואָס וויינט איר אַזוי אין „חד גדיא"?...
ענטפערט אים דער ישוב'ניק:
„ווי זאָל איך ניט וויינען! זעט סאַראַ גרויסע רבי'אים דאָ זיינען! ר' שונרא! און ר' כלבא! און ר' חוטרא! און מ'האָט זיי אַלעמען אַריינגעהאַקט אין „חד גדיא".

די לוחות

אז משה האט אראפּגענידערט פון הימל מיט די לוחות אין האנט און דערזען ווי אידן טאנצן ארום אַ גאלדענעם קאלב, האָט ער צו זיך אַזוי געזאגט:
ווי קאָן איך זיי איבערגעבן די לוחות? איך וועל דאָך אויף זיי ארויפווארפן אזעלכע שווערע התחייבות'ן און זיי דאדורך פארמשפּט'ן צום טוידט, ווארן אין די לוחות שטייט דאָך פאר-שריבן אז מ'טאָר ניט דינען צו קיין אפּגעטער און זיי דינען צו אַ גאלדענעם קאלב!
משה האט דאמאלט געוואלט צוריק ארויפגיין אין הימל און

לכבוד יום טוב

אפגעבן די לוחות, אָבער די שבעים זקנים האבן אים דערזען און אים אנגעיאגט. א גערא‍נגל איז אנטשטאנען צווישן די זקנים און משה'ן. די זקנים האבן געשלעפט די לוחות צו זיך, און משה האָט די לוחות געשלעפט צו זיך. בינו לבינו האָט משה באמערקט ווי די אותיות פון די לוחות זיינען אפגעמעקט געווארן, און ער האָט צו זיך געזאגט:

ווי אזוי קאָן איך איצט געבן די אידן די לוחות, אז די אותיות זיינען אפגעמעקט און פארשוואונדן?

האָט משה מיט גרוים צארן א ריס געטאן די לוחות צו זיך, און זיי צעבראָכן.

דער מדרש (אבות דרבי נתן) גיט דארויף דעם דאָזיקן משל:

א מלך בשר ודם האָט געזאגט צו איינעם פון זיינע פאר־טרויענסטע מענשן: גיי און געפין מיר א שיין מידל וואס זאָל זיין גוט און זיי איר מקדש פאר מיר. האָט דער שליח געפונען אזא מידעל און איר מקדש געווען. נאָך די קדושין האָט דאָס מידל זיך פאר זינדיקט מיט א מאן.

וואס האָט דער שליח געטאָן?

ער האָט צוריסן די כתובה, און אזוי געזאגט:

אויב איך וועל איר געבן די כתובה וועט זי דאָך דורכדעם ווערן אן אשת איש און מוזן געטוידט ווערן פאר איר זינד מיט א פרעמדן מאן, טאָ בעסער וועל איך צערייסן די כתובה און איר פארשפארן אזא שווערע שטראף.

ובני ישראל עשו כדבר משה

דאָס אידישע פאלק האָט ענדלעך צוגעשטימט זיך צו באפרייען פון קנעכטשאפט, אוועקווארפן די פרעמדע אפגעטער, און זיך איינ־שאפן אן אייגענע נאציאנאלע היים וואו זיי וועלן קענען אומגע־שטערט דינען דעם ד' אחד.

אכט און פערציק

וד׳ נתן חן העם בעיני מצרים — אט א דאנק דעם דאָזיקן באשלום האבן די אידן תיכף געפונען חן אפילו ביי זייערע גרעס-טע שונאים, די מצריים. בלויז דאמאלט ווען אידן לעבן זייער אייגן לעבן און היטן אפ זייער אייגענע אמונה, קענען זיי האפן צו געפינען חן ביי פרעמדע פעלקער. — ספר הילקוטים.

ופסח ד׳ על הפתח

דער מדרש (שיר השירים פ״ה און פסיקתא רבתי פ׳ החודש) טייטשט: גאט זאגט: פתחו לי פסח אחד של תשובה כחודה של מחט ואני פותח לכם פתחים — עפנט מיר אויף א טיר פון תשובה כאטש בלויז ווי דער שארף פון א נאדל די גרויס, און איך וועל פאר אייך עפענען אלע שערי רחמים. און אזוי גיך ווי אידן עפע-נען א טירעלע פון תשובה, איז ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף — וועט דער משחית ניט קומען אין אייערע הייזער צו מארדן.

אין דער לאנגער אידישער געשיכטע איז עס טאקע באוויזן געווארן, אז בלויז דאמאלט ווען דאס פאלק האט זיך צוריקגעקערט צום אייגענעם באוואוסטזיין, צום אייגענעם לעבנסשטייגער, האט דער משחית איבער זיי פארלארן די שליטה. — ילקוט דרושים

וראה את הדם על המשקוף

אז גאט ברוך הוא האט דערזען די בלוט-צייכנס אויף די טירן, והיה הדם לכם לאות — איז דאס דאָזיקע בלוט געווארן א צייכן אז דער איד גלויבט שוין באמונה שלימה אין דער גאולה און שרעקט זיך מער ניט פאר די מצריים. ווארן אפילו בלויז דער שעכטן דעם קרבן פסח איז געווען פארבונדן מיט גרויס סכנה, ווי ס׳שטייט אין פסוק: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלנו, בפרט נאך דעם אויסשמירן די טירן פון דרויסן מיט

בלוט, וואס איז געווען אן אומווירדיקייט אין די אויגן פון די מצרישע געצנדינער.

זאגן טאקע די חז״ל לא נגאלו אבותינו ממצרים אלא בזכות אמונה (ילקוט בשלח) — בלויז אין זכות פון זייער גלויבן אין גאט׳ס צוזאג, זיינען זיי אויסגעליזט געווארן סיי פון גלות מצרים און סיי פון מלאך המשחית. — רבנו בחיי.

„טאם" מה הוא אומר

א פרומער ישובניק האט שבת הגדול זיצנדיק אין שול און זאגנדיק די הגדה זיך ביטער צעוויינט. פרעגט אים א איד:

— ר׳ זייט מיר מוחל, וואס האט איר זיך אזוי צעוויינט?

ענטפערט דער ישובניק:

— איר זעט דען ניט? אט שטייט דאך: טאם (תם) מה הוא אומר, דארטן אויף יענער וועלט וואס וועט ער זאגן?

ואמרתם זבח פסח הוא לד׳

אין דער תורה ווערט דער יום טוב אנגערופן „חג המצות", איז דאך די קשיה: פארוואס רופן מיר, אידן, דעם יום טוב „פסח" ?

דער תירוץ איז: פסח איז דער יום טוב פון שיר השירים, דער אויסדרוק פון ליבע וואס הערשט צווישן גאט און זיין פאלק ישראל, ווי ס׳שטייט דארטן: אני לדודי ודודי לי. דער שטייגער פון א פארליבט פארפאלק איז, אז איינער זאגט דעם אנדערן שבחים, די כלה רעכנט אויס די שבחים פון איר חתן, און דער חתן רעכנט די שבחים פון דער כלה. אט אזוי טוען מיר, אידן.

גאט ברוך הוא אין זיין תורה רופט דעם יום טוב „חג המצות", כדי צו דערציילן דעם שבח פון זיין געליבט פאלק ישראל. די אידן האבן געכאפט די ניט-געזויערטע מצות, און מיט דער איינציקער

שפּיז געלאָפן אין דער מדבר גלויבנדיק באמונה שלימה אז גאָט ברוך הוא וועט זיי ניט פאַרלאָזן.

מיר, אידן, רופן דעם יום טוב „פּסח" אויך כדי צודערמאָ־נען דעם חסד פון גאָט און אים לויבן דערפאַר וואָס פּסח על בתי בני ישראל, וואָס ער האָט איבערגעהיפּט די אידישע הייזער און געזען אז די מגפה זאָל דאָרטן ניט שולט זיין. קדושה לוי.

א רשע עפּעס דבר אחר

א ישובניק איז געזעסן ביים סדר און געזאָגט די הגדה. הערט זיין ווייב ווי ער זאָגט דבר אחר ביד חזקה שתים. פרעגט זי אים:

— ווי קומט עפּעס א דבר אחר אין דער הגדה?

ענטפערט דער ישובניק:

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? אין דער הגדה איז דאָך פאַראַן א רשע, טאָ וואָס וועט א רשע פרעסן אויב ניט קיין דבר אחר?

סטאָליפּין און די רבנישע דעלעגאַציע.

אין 1905, אָדער 1906, האָבן די רבנים אין רוסלאַנד געשיקט א דעלעגאַציע קיין פּעטערבורג צו מיניסטער סטאָליפּין. סטאָליפּין האָט צוויי פון דער דעלעגאַציע געדריקט די האַנט, די איבעריקע האָט ער אויסגעפּעלט. אין פאָלק האָט מען זיך דאַריבער געוויצלט. א שטייגער פרעגט איינער דעם צווייטן:

— פאַר וואָס עפּעס האָט סטאָליפּין געדריקט די האַנט בלויז צוויי און ניט אַלע רבנים?

ענטפערט דער צווייטער:

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? עס שטייט דאָך בפירוש אין דער הגדה: „דבר אחר ביד־חזקה — שתים" . . .

איין און פופציק

ביי אידן א שמחה

ביים העברעאישן דיכטער יהלל איז פאראן א סאטיריש לידל: „א שמחה ביי אידן".

דערציילט זיך דארטן וועגן א היימיש שטעדטל אין וועלכן די אידן זיינען געווען אין גרויס געפאר צוליב אן עלילת דם. מ'האט הינטערן שטעדטל געפונען א דער'הרגעטן, און די שונאי ישראל האבן תיכף פארשפרייט א בלבול אז אידן האבן גע'הרגעט א קריסט כדי זיך צו באנוצן מיט זיין בלוט אויף פסח. איז אין שטעדטל געווארן א תשעה באב, און מ'האט זיך שוין אנגעהויבן באהאלטן אויף די בוידעמער און קעלערס. פלוצים איז אנגעקומען דער שמש און געבראכט די פרייליכע בשורה, אז דער געפונענער מת איז גאר א איד מאחינו בני ישראל. איז אין שטעדטל געווארן א שמחה גדולה, און אידן האבן געדאנקט און געלויבט גאט וואס א איד איז דער'הרגעט געווארן און ניט קיין גוי.

דער פראפעסאר קאן ניט די אידן

א אידישער בחור'ל, א זון פון א משכיל, איז אהיימגעקומען אויף פסח פון אוניווערסיטעט. ביים סדר דערציילט דער בחור, אז איינער פון די פראפעסארן אין אוניווערסיטעט האט געזאגט דאס משה רבינו האט ניט געקענט קיין געאגראפיע און דערפאר האט אים געדויערט גאנצע פערציק יאר צו פירן די אידן קיין ארץ ישראל. ווען ער, דער פראפעסאר, וואלט געווען אויף משה'ס ארט, וואלט אים דער גאנצער עסק געדויערט ניט מער ווי א זיבן אדער אכט טעג.

דארויף האט אים דער פאטער געענטפערט: זאג דיין פראפעסאר אז משה רבינו האט שוין גאר געקענט געאגראפיע, נאר ער, דער פראפעסאר דיינער, קאן נעבאך ניט די אידן. ווען דיין פראפעסאר וואלט געווען אויף משה'ס ארט, וואלט ער די אידן ניט

ארײַנגעבראַכט אין ארץ ישראל אפילו ניט אין פערציק מאָל פערציק יאָר; ער וואָלט זײַ גאָר קײנמאָל פון מצרים ניט ארויסגענומען.

זיך דערשראָקן פאַר חברה קדישאַ

די וועלט פרעגט: ס'שטײט בײַ קריעת ים סוף „הים ראה וינוס", אַז דער ים האָט דערזען און איז אַנטלאָפן. וואָס אַזוינס האָט דער ים דערזען און פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן?

ענטפערט די וועלט: דער ים האָט דערזען אַז צוזאַמען מיט די יוצאי מצרים זײַנען אויך געווען די חברה קדישאַ, און היות מ'זאָגט אַז זײ קאָנען אויסטרינקען דעם ים, האָט ער זיך דערשראָקן און געמאַכט פליטה.

גוי'אישע וואורשטלעך

ווען דער רב ר' צבי פון בערלין איז געוואָרן רב אין מאַנהײם, האָט ער דערזען, אַז אין שטאָט זײַנען פאַראַן אַ סך אַפּיקורסים, וועלכע עסן טריפות.

אײנמאָל, ווען דער רב האָט געהאַלטן אַ דרשה שבת הגדול וועגן הלכות פסח, ווי דער מנהג איז, האָט ער צום סוף פון דער דרשה אַ קלאַפּ געגעבן אין באַלעמער און געזאָגט:

— רבותי, נאָך וועגן אײן דין האָב איך פאַרגעסן אײַך צו זאָגן: איר זאָלט וויסן זײַן, אַז גוי'אישע וואורשטלעך זײַנען אויך חמץ גמור...

דער רעפאָרמאַטאָרישער עיקר

מען דערצײלט, אַז אַמאָל זײַנען אין דײַטשלאַנד געזעסן אַ גרופּע רעפאָרמאַטאָרן און געהאַלטן אין אײן שנײַדן פון סדור.

דרײַ און פופציק

ווען זיי זיינען געקומען צו די „דיינו'ס" פון דער הגדה, האָט דער עלטסטער גענומען א פעדער און אלץ אויסגעמעקט.

האָט מען אים געפרעגט:

— אפשר זאָל מען איבערלאָזן א זכר?

האָט ער מסכים געווען און האָט איבערגעלאָזט א זכר: ער האָט איבערגעלאָזט דעם „אילו נתן לנו את ממונם ולא נתן לנו את התורה, דיינו" (ווען ער וואָלט אונז געגעבן זייער געלט און וואָלט אונז ניט געווען געגעבן די תורה, וואלט גענוג געווען)...

צו וואס מ'דאַרף נייע הגדות

דער ראָפשיצער רבי ר' נפתלי האָראָוויץ פלעגט זאָגן:

— צו וואס דארף מען דרוקן יעדן יאָר נייע הגדות?

— נאָר דער תירוץ איז, ווייל דער רשע פון פאראַיאָרן איז היי-יאָר שוין גאָר א צדיק...

ער וויל שוין דאָס געלט

בעת דער שמד-מגיפה אין צארישן רוסלאנד, דערציילט מען, אז א גלח האָט שוין געהאט געפאנגען א אידישע נשמה, א שניי-דער, וועלכער האָט מסכים געווען זיך אָפצו'שמד'ן פאר א צוויי הונדערט רובל.

דער גלח האָט כסדר געקנעלט מיט דעם שניידער די נייע גוי'אישע תורה, אבער דער שניידער האָט נעבעך געהאט א פאר-שטאָפטן קאָפּ. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער פסח. קומט אריין דער שניידער צום גלח און בעט אים ער זאָל אים געבן א דעראויף פון די צוויי הונדערט דאָלער, וואס ער האָט אים צוגע-זאָגט.

— איך האָב דאָך מיט דיר אָפגעמאכט, אז איך וועל דיר געבן

דאָס געלט אין טאג פון שמד, וואָס וועט זיין אין אונזער חגא, פּאסכע.

— יאָ, — ענטפערט דער שניידער, — אָבער דערווייל קומט אָן אונזער פּסח, און איך דאַרף האָבען א פּאָר רובעל אויף מצות און וויין צו פּראַוועןן א כשר'ן סדר!...

ס'ווענדט זיך מיט וואָס מ'הייבט אָן...

דער באוואוסטער העברייאישער פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן האָט אמאָל איינגעלאַדן צום סדר דעם גע'שמד'טען העברייאישן פּאָעט ק. א. שפּירא.

האָט נאכדעם דער משומד שפּירא איינגעלאַדן גאָרדאָן'ען צו זיין פּאסכע-סעודה. ווען גאָרדאָן איז געקומען, האָט ער שוין גע-טראָפן שפּירא'ן אָפּגעגעסן די סעודה.

מאכט צו אים גאָרדאָן:

— טו א קוק, וואָס פאר א חילוק צווישן אונזער אידישן „סדר" ביז אייער „גוי'שן סדר". ביי אונז געדויערט דער סדר ביז נאָך האַלבע נאכט, און ביי אייך איז ווי נאָר ס'ווערט אָוונט, האָט איר שוין זיך אָפּגעפּאַרטיקט!

ענטפערט אים שפּירא דער משומד:

— וואס איז דער וואונדער? איר הייבט אָן אייער סדר מיט „מה נשתנה", און מיר הייבן אָן אונזער סדר מיט „דבר אחר"...

אויף וואָס מ'דאַרף אכטונג געבן

ר' ישראל סאלאנטער פלעגט ביים באקן זיינע מצות אכטונג געבן אז אלץ זאָל געטאָן ווערן כדת וכדין. איינמאל איז רבי ישראל דעם גאנצן ערב פּסח געלעגן קראנק און האָט ניט געקענט זיין ביים באקן. זיינע תלמידים האָבן זיך אנגעכאַפּט אים צו פאַר-טרעטן ביי דער השגחה פון כשרות.

פינף און פופציק

לכבוד יום טוב

— רבי, — האבען זיי אים געפרעגט פארן גיין — אויף וואס פאר א זאך זאָלן מיר אממייסטן אכטונג געבן ביים באקן די מצות?

— אממייסטן זאָלט איר אכטונג געבן אויף א שוואכע פרוי ווען איר באמערקט אז איר איז שווער צו וואלגערן, זאָלט אויף איר ניט שרייען און זיך ניט בייזערן — איז געווען רבי ישראל'ס ענטפער.

אַ קשיא פאַרענטפערט

א געבילדעטער קריסט האָט אמאָל געפרעגט ביי א אידן: „ווי קומט עס, וואָס גראָד פּסח בייגאכט פרעגען אייערע קינדער „מה נשתנה"? דאָס, וואָס איר זיצט ביים טיש מיט ווין און גוטע מאכלים, איז דאָך נישט אַנדערש, ווי ביי אייערע אַנדערע ימים טובים. זעט איר, סוכות וואָלט שוין גיכער געפּאסט דער „מה נשתנה", ווייל דאמאָלט מאַכט איר טאָקע אַ ריכטיקע ענדערונג: איר פאַרלאָזט אייער דירה און עסט אין אַ סוכה."

— פאַרשטייט איר, — האָט דער איד געענטפערט, — ביי אי־דישע קינדער איז בלויז א נייעס, ווען טאטע־מאמע קאָנען זיך זעצן צום טיש ווי פּריצים און פּראַווען יום־טוב מיט ברייטקייט. אָבער צו וואלגערן זיך אָן א דאַך איבערן קאָפּ — איז ביי זיי גאָר קיין חידוש נישט...

כּלנו חכמים

אין א היימיש שטעדטל איז געווען אן אלטער מנהג, אז פּסח צו די סדרים זאָל מען איבער'ן שטעדטל ארויסשיקן א שומר. האָט אימיצער זיך געוואונדערט צום דאָרטיקן רב פאר א דערקלערונג.

— אייגנטלאך איז דאָך צו די סדרים א „ליל שימורים?" — האָט יענער געפרעגט, — היינט צו וואס די שמירה?

אויף דעם האָט דער רב געענטפערט:

זעקס און פופציק

— א גאנץ יאָר היט דער אויבערשטער. שטייט דאָך שומר פּתאום ה׳. צו די סדרים זאָגן אבער אידן „כלנו חכמים״. אויב אַזוי היט זיי מער ניט דער אויבערשטער און זיי דאַרפן זיך אַליין היטן...

ס׳געפעלט אים ניט

אייזיק מאיר דיק, דערציילט מען, האָט אַמאָל ביים סדר, ווען מען האָט געדאַרפט אָנהויבן זאָגן די חד-גדיא׳ס, זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעראַמט אַלע הגדות פון טיש.

האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט דאָס.

האָט דיק געענטפערט:

— עפּעס געפעלט מיר ניט דער גאַנצער עסק. וואָס הייסט, אַ ציגעלע ווערט פאַרקויפט אינמיטן דער נאַכט פאַר צוויי גילדיינעס? עפּעס שמעקט דאָס מיט אַ שטיקל גנבה...

די פולע צען מכות . . .

א גביר, א גרויסער קמצן, האָט געמוזט נעמען אַן אָרימען אורח צום סדר.

האָט דער גביר אויסגעקליבן דאָס קלענסטע כוס׳עלע, אָנגעגאָסן ניט פול מיט ווייַן און אוועקגעשטעלט פאַרן אורח.

ס׳איז געקומען צו די צען מכות אין דער הגדה, נעמט דער גביר און קאַפּעט אָפּ פון זיין כוס א טראָפּן פאַר יעדער מכה באַזונדער. דער אורח האָט עס ניט געטאָן.

נאָר ווען ס׳איז געקומען צו רבי יהודה׳ס „סמנים״ פון די מכות, צו ״דצ״ך״, ״עד״ש״ ״באח״ב״, נעמט דער אורח און קאַפּעט אָפּ ניט מער ווי דריי טראָפּן ווייַן.

פרעגט אים דער גביר:

— ר׳ אורח, פאַרוואָס עפּעס האָט איר ניט אָפּגעגאָסן ביי די

פולע צען מכות, נאר בלויז ביי די „סמנים״?
מאכט דער אורח מיט א שמייכל:
— פארשטייט איר מיך, באלעבאס, פאר מיר מיט מיין קליינינקען כוס'על זיינען געגוג בלויז די „סמנים פון די מכות״; איר אָבער האָט זיך גענומען א גרויסן כוס — האָב איך געלאָזט די פולע צען מכות פאר אייך.

פרעה'ס שטראָף

א קליינשטעדטלדיקער איד איז אמאל געפאָרן צום רבי'ן קיין סאדיגורע מיט דער באַן. ווען ער איז דערנאָך צוריקגעקומען און האָבנדיק צום ערשטען מאָל אין לעבן געפאָרן מיט א באַן, האָט ער דערציילט די אנדערע חסידים די גרויסע חידושים פון דער באַן.
— יאָ, — מאכט צו אים איינער פון די צוהערער, — אָבער מיט וואָס פאר א כח גייט דאָס די באַן אָן פערד?
— דער גאַנצער כח — ענטפערט ער — איז פארע, וואָס שלעפט די באַן!
— אָט דאָ — רופט זיך אָן א צווייטער חסיד — זעען מיר טאקע דעם אויבערשטנ'ס נסים! דערפאר וואָס פרעה (פאָרע) האָט די אידן אָנגעטאָן אזוי פיל צרות, מוז ער איצט שלעפן די באַן און פירן אידן צום רבי'ן. . .

ווער פ'וייסט בעסער

א שענקערן האָט אמאל געפונען א גערשטנדל אין די פסח'דיקע כרעמזלעך. איז זי גלייך אוועק צום רב פרעגן א שאלה. האָט דער רב, פארשטייט זיך, גע'פסק'ענט, אז די כרעמזלעך זיינען חמצ'דיק.
איז דער שענקער געזעסן פארזאָרגט, וואָס ער קאָן ניט עסן אזעלכע גוטע כרעמזלעך. אינצווישן זיינען אריינגעקומען אין

דעם שענק אַריין אַ חברה ווײַם און האָבן דעם שענקער געוואונשן „גוט יום-טוב".

זאָגט צו זיי דער שענקער:

— חברה, ווי געפעלן אייך די כרעמזלעך?

פאַרזוכן די גויים די כרעמזלעך, באַלעקן זיך די פינגער און זאָגן:

— זיי צעגייען אין גומען.

גיט אַ קרעכץ דער שענקער און זאָגט:

— איר זעט: איר, וואָס איר האָט געגעסן די כרעמזלעך, זאָגט אַז זיי זיינען טעם גן-עדן, און אונזער רב, וועלכער האָט די כרעמזלעך ניט פאַרזוכט און האָט זיי אפילו פאַר די אויגן ניט אנגעזען, האָט גע'פסק'ענט, אַז זיי זיינען זויער געוואָרן... (חמץ מיינט זויער-טייג.)

די דריי בעסטע זאכן.

דער גרויסער משכיל ראובן אָשר ברוידעס פלעגט זאָגן:

„וואס זיינען די דריי בעסטע זאכן, וועלכע זיינען פשוט מחיה נפשות?

אָט זיינען זיי: דאָס טרינקען אַ גלעזל טיי נאָך „כל-נדרי", דאָס פאַררויכערן אַ ציגאַרעטל שבת נאָכ'ן טשאָלנט, און דאָס טרינקען אַ גלעזל ביר פסח ביינאַכט נאָך די קניידלעך. . .

גוט אַריינגעזאָגט

די רביצין פון בריסקער רב, ר' יהושע לייב, איז געווען אַ גרויסע חכמה און מלומדת. תמיד האָט דער בריסקער רב ליב גע-האט זיך מיט איר צו ווערטלען. איינמאָל, ערב פסח נאָכן פאַר-ברענען דעם חמץ, זאָגט צו איר דער בריסקער רב:

— איך האָב שוין, ברוך השם, פאַרברענט דאָס גאַנצע חמץ,

נאָר אָט פון דעם חמץ — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער רביצין — קען איך ניט פטור ווערן.

האָט די רביצין אים גלייך געענטפערט:

— דו מאכסט א טעות.. דאָס דאָזיקע חמץ דאַרף מען שוין ניט פאַרברענען, ווייל דער טאטע האָט עס שוין פון פריער פאַרקויפט צו א גוי. . .

זיי דאַרפֿן זיך צואיילן

מען דערציילט, אז חיים נחמן ביאַליק האָט אַמאָל געזען ווי א חברה אפּיקורסים זיצן און עסן חמץ שביעי של פסח בשעת מנחה, און זיי זיינען מאריך ביי דער סעודה. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— חברה, איילט זיך צו מיט אייער עסן, ווייל אין א שעה אַרום וועט איר שוין מער ניט קענען הנאה האָבן דערפון וואס איר עסט חמץ בפסח. . .

א הכשר אויף ארבעס

דער ביאַליסטאָקער רב, רבי שמואל מאָליווער, פלעגט זיך פיל אפּגעבן מיט פאַרזאָרגן די אידישע זעלנער מיט כשר׳ע מאכלים, זיי זאָלען ניט דאַרפן „עסן פון קעסעל".

דאָס איז ביי אים געווען זיין באַליבסטע מצוה.

איינמאָל א פאַר פסח איז צו אים געקומען דער ראש הקהל און זיך באַקלאָגט אז ס׳איז א שרעקליכער יקרות און ס׳וועט אים שווער זיין צו באַזאָרגן די זעלנער מיט פסחדיקע מאכלים.

— אויב אזוי — האָט רבי שמואל געזאָגט — וועל איך צוזאַמענרופן די דיינים און מיר וועלן אויף היינטיקן פסח מתיר מאכן צו עסן ארבעס.

— גוט, גוט, רבי — האָט געזאָגט דער ראש הקהל — זאָל

פסח

איך גאָט געבן לאַנגע יאָר דערפאַר. איך האָב געהאַלטן אין איין זאָרגן ווי אַזוי צו קריגען פאַר אידישע סאָלדאַטן גוטע פסח'דיקע שפּייז, אָבער איצט איז מיר אַראָפּ אַ באַרג פון קאָפּ. מיר וועלן זיי געבן אַרבעס".

„אַרבעס פאַר די אידישע סאָלדאַטן?! האָט געשריען רבי שמואל מאָליווער — אַזוינס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אין ביאַליסטאָק און עס וועט אויך ווייטער ניט זיין! איך און איר און די גאַנצע שטאָט האָבן אַ רעכט צו עסן פּסח אַרבעס, אָבער די אידישע סאָלדאַטן מוזן מיר באַזאָרגן מיט אַלע גוטע פּסח'דיקע מאכלים".

דעם רב'ס דרשה

ר' אייזיל חריף פלעגט זאָגן:

— —פאַרוואָס איז אַ מנהג אַז אַ רב זאָל זאָגן אַ דרשה שבת הגדול? כדי קהל זאָל זען — האָט ער אַליין געענטפערט — אַז ער איז אַ גוי גמור און מען מעג אים פאַרקויפן דעם חמץ ערב פּסח. . .

שבועות

שבועות

פרשה מאניערן

א איד א משכיל האָט אמאָל פאָרגעוואָרפן ר׳ אייזעלע חריף הלמאי אידן בני תורה זיינען ניט מקפיד אויף זייערע מאניערן.

האָט דארויף ר׳ אייזעלע חריף געענטפערט:

ס׳איז פאראן א טעם דערביי. בעת די אידן האָבן זיך דער־וואוסט, אז גאָט ברוך הוא גייט געבן די תורה, האבן די פרומע און גאטפורכטיקע זיך מקדים געווען און גיך געלאפן צום בארג סני. זיי זיינען אויפגעשטאנען כאור הבוקר, ניט מקפיד געווען אויף דער עטיקעט און צערעמאניאלן, נאר געלאפן אין גרוים איי־לעניש חלילה ניט צו פארפעלן קיין איינציקן דיבור. די משכילים אבער האבן שעה׳ן לאנג אוועקגע׳פטר׳ט אויף עטיקעט און מא־ניערן, און ערשט דערנאך גענומען א פרימארגן שפאציר צום בארג סני. ווען זיי זיינען אהין אָנגעקומען, איז שוין געווען נאכ־אלעמען און פון דאמאלט אָן באשטייט זייער גאנצע תורה בלויז פון דער פרשה מאניערן און עטיקעט.

חרטה איז ניט מעשה סוחר

ר׳ ישעיה׳לע פראגער האָט אמאָל געזאגט:

ס׳שטייט אין דער גמרא (שבת פ׳ ח, א׳): כפה הקב״ה את ההר כגיגית — גאָט האָט אריבערגעבויגן דעם בארג איבער די קעפ פון די אידן, און זיי געווארנט: נעמט איר אָן די תורה, איז גוט; אלא ניט, וועט דאָ זיין אייער קבר. איז דאָך די קשיה: ווי אזוי קאָן די גמרא דאָס זאָגן? ס׳שטייט דאָך בפירוש אין דער תורה (שמות כ״ד, ז,): און משה האָט גענומען דעם ספר הברית און געלייענט אין די אויערן פון פאָלק און זיי האבן געזאגט: נעשה ונשמע!

פינף און זעבציק

לכבוד יום טוב

נאר דער תירוץ איז:

בעת משה האָט געלאָזט וויסן, אז כביכל אליין, בכבודו ובעצמו, וועט אראפּנידערן און געבן די תורה, האָבן די אידן גע־מיינט אז דער רבונו של עולם וועט אודאי באווייזן חריפות און זאגן א שיינע דרשה מיט אן אינטערעסאנטן משל און עטלעכע וויציקע מעשה׳לעך. און היות אידן זיינען דארויף גאָר גרויסע בעלנים, האָבן זיי געשריען: נעשה ונשמע! שפּעטער אבער אז זיי זיינען געקומען צום בארג סני און דערזען די ענני כבוד מיט ענני אש און דערהערט צווישן קולות וברקים דעם לא תרצח און לא תגנוב, האָבן זיי אנגעהויבן חרטה צו קריגן און זיך גענומען אפּרוקן אויף הינטערוויילעכטס. דאמאלט ערשט כפה עליהם את ההר, אויב איר האָט חרטה און ווילט דוקא זיין נואפים און גנבים, רוצחים און גלוסטער, וועט איר האָבן דעם קבר. . .

א היתר אויף דריי זאכן

דערציילט מען וועגן ר׳ משה איצל פּאנעוויעזשער, אז ער האָט אמאָל שבועות צווישן איין סעודה און דער אנדערער פארפירט א שמועס מכח די מעלות פון אידישן יום טוב. אויפן הארצן איז אים געווען גוט, ס׳האָט פון אים ארויסגערעדט די פרייד פון קבלת התורה, האָט ער דעם שמועס געפירט אין א לייכטן טאָן און א זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן טוט מיר שטארק באנג וואס איך בין ניט געווען ביים בארג סני. ווען איך וואלט דארטן געווען, וואלט אלץ געווען אנדערש. . .

— דהיינו וואס? — האָט מען ביי אים געפרעגט:

— וואס זאָל איך אייך זאגן? — האָט דער פּאנעוויעזשער געענטפערט — ווען איך וואלט דארטן געווען, וואלט איך זיך אוועקגעשטעלט און צו משה׳ן אזוי געזאגט: הער מיך אויס,

משה, איך וועל פון אָרט ניט אוועקגיין סיידן איך קריג א היתר אויף דריי זאכן: רויכערן א פאפּיראָס שבת נאכן קוגעל, טרינקען א גלאָז טיי יום כפּור נאָך כל נדרי און זיך אויסבאדן תשעה באב נאָך די קינות. און גלויבט מיר, אידן, איך וואלט מיינס אויסגעפירט און אידן וואלטן אזוי פיל ניט דארפן ליידן.

אָן א שדכן

ר׳ שמעון׳לע אַלטער האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט זיין ברודער, דעם „שפת אמת". פּרוואוועדיג טאקע אליין ריידן מיט אים וועגן דעם, האָט אים דער „שפת אמת" געענטפערט, אז קוים איז עס א שידוך אָן א שדכן, האָט ער מורא, אז עס וועט דערפון גאָרניט ארויסקומען, וואָרן אזוי געפינען מיר אויך ביי קבלת התורה: די אידן האָט מען גע׳שדכ׳ענט די תורה דורך א מעקלער, דורך משה רבינו, איז דער קנין תיכף אויפ׳ן אָרט געשלאָסן געוואָרן; בנוגע צו די אומות העולם אבער, האָט מען עס געפּרוואוט מאכן אָן א שדכן, כביכול אַליין האָט ארומגעטראָגן די תורה צו די פעלקער, איז טאקע פון דעם עסק גארניט געוואָרן.

אז מ׳האָט די אמתע סחורה

דער דובנער מגיד האָט אמאל געהאלטן שבועות ביים ווילנער גאון. די ערשטע נאכט פון שבועות, זיינען זיי ביידע געווען וואך. דער ווילנער גאון האָט די גאנצע נאכט געזאגט תיקון, און דער דובנער מגיד איז געזעסן איבער א גמרא און געלערנט. פרעגט אים דער ווילנער גאון:

— דובנער מגיד, פארוואס זאגט איר ניט קיין תיקון ליל שבועות?

ענטפערט דער דובנער מגיד:

— כ׳וועל אייך דארויף ענטפערן מיט א משל:

לכבוד יום טוב

אמאל האָט א רייכער איד חתונה געמאכט זיין טאכטער פאר א למדן. דער רייכער איד האָט דעם איידעם געגעבן קעסט, און געהייסן זיך עוסק זיין בתורה. יאָרן שפּעטער איז דער רייכער געוואָרן א יורד, ממש אן אביון, און האָט זיך פארווענדט צום איידעם:

— מיין קינד, ביז איצטער ביסטו געזעסן ביי מיין טיש, און ניט געהאט קיין עול הפרנסה. איצטער אבער בין איך פאראַרימט, און דו וועסט מוזן זארגן פאר דיין ווייב און קינדער.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָט דער איידעם געפרעגט.

— גיי, מיין קינד ארויס אין מארק — האָט דער שווער אים געענטפערט — און טו וואס אנדערע אידן טוען.

דער יונגערמאן איז ארוים אין מארק, און געזעען ווי אידן שטייען אין קראמען און ביים ארייננאנג אין די קראמען ליגן און הענגען פארשידענע מינים סחורה. האָט ער זיך אויך געדונגען א קראם, זיך איינגעהאנדלט שטיקלעך סחורה און זיי פאנאנדערגעהאנגען אין דרויסן איבערן טיר. אינוויינין אבער האָט ער גארניט געהאט, און אז א קונה איז אריין אין קראם, האָט ער דארטן קיין סחורה ניט געפונען און גארניט געקענט קויפן.

אין א צייט ארום איז דער איידעם געקומען צום שווער און זיך באקלאגט אויף זיין ביטערער מערכה: ער האָט נאכגעטאן די אנדערע קרעמער, און דאך האָט ער נאך קיין גראשן ניט איינגעלייזט.

— שוטה, — האָט דער שווער זיך אנגערופן — די שטיקלעך סחורה וואס די קרעמער הענגען ארויס אין דרויסן זיינען מוסטערן פון דעם וואס געפינט זיך אינוויינין אין קראם, און ווען א פארבייגייער דערזעט די מוסטערן גייט ער אריין אינוויינין אין קראם און קויפט די זעלבע סחורה פונוואנען די מוסטערן זיינען גענומען. דו אבער האסט בלויז מוסטערן, אבער גארניט צו פארקויפן.

אכט און זעכציק

שבועות

אזוי איז עס מיט אונז — האָט דער דובנער מגיד אויסגע־פירט — דער תיקון ליל שבועות גיט מוסטערן פון דער תורה: א פרשה חומש, א קאפּיטל תנ"ך, א משנה, א שטיקל גמרא. דו, ווילנער גאון, פאַרמאגסט א סך תורה, מעגסטו אויסלייגן אויך די מוסטערן; איך אבער וואס לערן ווייניק און קאָן ווייניק, וואס קענען מיר די מוסטערן העלפן?...

פאַרט ניט מער ווי אַ פערד.

צו ר' ישראל ריזשינער איז אויף שבועות געקומען א יונ־גערמאַן מיט אַ בקשה ער זאָל אים געבן סמיכה. דער ריזשינער האָט אים פאַרהערט, אָבער דער קאַנדידאַט איז געווען שוואַכלעך אין לערנען, האָט ער אים געהייסן קומען ווינטער. ווען ער איז געקומען איז דער ריזשינער גראַד געשטאַנען ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויפן הויף, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי. שטייט נעבען אים דער יונגערמאַן און האַלט אין איין דער־ציילן וועגן זיין צדקות און סיגופים: ער גייט, רימט ער זיך, אָנ־געטאָן בלויז אין ווייסן, כדי מקיים צו זיין דעם „בכל עת יהיו בגדיך לבנים", קיין שום משקה אחוץ וואַסער טרינקט ער ניט; אין די שיך האָט ער טשוועקעס, כדי צו ליידן יסורים; יעדן טאָג, אפילו אין גרעסטן פראָסט, פּראַוועט ער גלגול שלג, און מלקות לאָזט ער זיך שלאָגן יעדן טאָג. . .

בעת דער יונגערמאַן איז אַזוי געשטאַנען און גערעדט, איז אַרוים אויפן הויף א ווייס פערד, צוגעגאַנגען צום ברונעם, זיך אָנגעטרונקען, און דערנאָך זיך אויסגעקאַטשעט אין שניי.

— זעסטו, — רופט זיך אָן דער ריזשינער צום יונגענמאַן, — אָט דאָס דאָזיקע באַשעפעניש גייט אויך אין ווייסן, נעמט אויך ניט אין מויל קיין שום משקה אחוץ וואַסער, האָט אויך טשווע־

לכבוד יום טוב

קעם אין די שיך, פּראָוועט אויך גלגול שלג, קריגט פון באַלעבאָס נאָך מער ווי פערציג מלקות א טאג, און נאָך אלעמען איז עס פאָרט א פערד — (מוסר השכל — לערנען איז דער עיקר).

פאַר'חלש'טע הערצער

מען האָט אמאָל געפרעגט דעם מאָסקווער רב, הרב מזא"ה, פארוואָס עס איז א מנהג ביי אידן צו עסן שבועות מילכיקע מאכלים. האָט ער געענטפערט אזוי:

— דערפאר עסט מען שבועות מילכיקס, ווייל ווען אידן זיי-נען געקומען אהיים פון בארג סני, האָט זיי געקלעמט ביים הארצן פאר הונגער, האָבן זיי זיך גלייך געכאפּט עסן מילכיקע שפייז. וואָרים וואָלטן זיי געוואָלט עסן פליישיקע מאכלים, וואָלטן זיי שוין געמוזט גיין שעכטן א בהמה, אזוי ווי מען האָט זיי אָנ-געזאגט אין דער תורה, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס מקבל געווען. דאן וואָלט זיך אָנגעהויבן א מעשה מיט שלייפן דעם חלף, דער-נאָך בודק זיין די לונג, מאכן כשר דאָס פלייש, טרייבערן די אָדערן — הכלל, עס וואָלט געדארפט געדויערן אזוי לאנג, אז די נשמה וואָלט פריער אויסגעגאנגען. האָבן די אידן אין גרויס הונגער זיך געגעבן א כאפּ צו א טעפל זויערמילך און צו א שטיקל קעז-קוכען. דערפאר איז שוין געוואָרן א מנהג, אז אידן זאָלן שבועות עסן מילכיקע מאכלים...

מילכיקס אויף שבועות

א משכיל, האָט אמאָל אין פורים געפרעגט, פארוואס עסט מען שבועות מילכיקע מאכלים?

— ווייל ווען מען האָט געגעבן די תורה, זיינען אלע בהמות אוועק צום בארג סני, האָט דאָס פאָלק ניט געהאט קיין פלייש...

זיבעציק

שבועות

צווישן ישובניקעס

צוויי ישובניקעס האבן אמאל צוזאמען געהאלטן שבועות. אז ס'איז געקומען צו קידוש, האָט דער בעל הבית געזאגט „זמן חרותינו" אויפן ארט פון „זמן מתן תורתינו"

קוועטשט דער גאסט מיט די פּלייצעס, און זאגט:

— וואס עפּעס „זמן חרותינו" שבועות ביינאכט? דאָס זאגט מען דאָך פּסח ווען מ'עסט חרוסת, שבועות אבער עסט מען דאָך גאר מילכיקס!

בזיון התורה

אן ארימער מחבר איז אמאל געקומען צו א גביר א קמצן און געבעטן קויפן א ספר. זאגט צו אים דער גביר מיט א געביי-זער: כ'וועל ביי אייך קיין ספר ניט קויפן מחמת איר זענט מבזה די תורה דערמיט וואס איר גייט איבער די הייזער און פארקויפט אייער ספר צו יעדן עם הארץ וואס איז נאר וויליק צו באצאלן די פּאר גראשן.

ענטפערט אים דער מחבר: איר מאכט א טעות, ר' איד, ס'איז כלל ניט קיין בזיון צו קומען צו אייך אדער עמי הארצים פאר-קויפן א ספר, ווארן גאט אליין, כביכל, איז אויך ארומגעגאנגען מיט דער תורה צו אלע גויים און זיך ביי זיי געבעטן איר אננעמען.

דער הייליקער גנב

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז אמאל אויפגעזעסן די שבועות-נאכט און געזאגט תיקון ליל של שבועות. זיצנדיק אין א ווינ-קעל ביי זיך אין חדר המיוחד, האָט ער דערזען ווי דורכן אפענעם פענסטער האָט זיך ארייגעשלייכט א גנב און אראפּגענומען דעם זייגער פון קאמאד מיטן שולחן ערוך וואס איז דארטן געלעגן. ר'

איין און זיבעציק

לכבוד יום טוב

לוי יצחק האָט דעם גנב ניט געוואָלט פאַרשעמען, און שווייגנדיק צוגעזען ווי דער גנב שלייכט זיך אַרויס פון שטוב מיטן גע'גנבעטן זייגער און שולחן ערוך. אַז דער גנב איז שוין געווען ווייט אַוועק, איז ר' לוי יצחק אַריין צו זיין בני בית און געזאָגט:

— זעט, ווי הייליק ס'איז דאָס פאָלק ישראל. איז איינער שוין, חלילה, א גנב, נעמט ער א שולחן ערוך כדי צו לערנען גאָט'ס מצוות און א זייגער כדי ער זאָל וויסן ווען אויפצושטיין לעבודת הבורא.

שבת דרך ארץ

א חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם גערער רבי'ן, ר' איטשע מאיר:

ווי אַזוי הייסט דער שבת וואָס פאַר שבועות? דער שבת פאַר פסח הייסט שבת הגדול, טאָ ברויכט דאָך דער שבת פאַר **שבועות** אויך האָבן א נאָמען?

דער שבת פאַר שבועות הייסט שבת דרך ארץ — האָט דער רבי געענטפערט — מחמת דרך ארץ קדמה לתורה, זאָגן די חכמים. דאָס מיינט אַז נאָך איידער מתן תורה האָט שוין עקזיסטירט דער דין פון דרך ארץ.

די תורה אַן אשת איש

ווען דער סאַנדזער רבי איז, רחמנא לצלן, געוואָרן אַן אַלמן פון דריטן ווייב, האָט ער זיך געלאָזט שדכנען א שידוך. די קינדער זיינע איז דאָס ניט געפעלן געווען, און איינער פון די זין, ר' ברוך גאָרליצער, האָט דאַרויף מתרעם געווען און געזאָגט:

ווען דער זדיטשעווער רבי, זכרונו לברכה, איז געוואָרן אַן אַלמן, האָט ער געלאָזט וויסן אַז איצטער וועט ער חתונה האָבן מיט דער תורה. . .

צוויי און זיבעציק

— נו, אויב אזוי — האָט דער סאנדזער אים געענטפערט — איז דאָך די תורה שוין אן אשת איש....

יעקב און עשיו

די וועלט פרעגט:

פארוואס איז גאט פריער געגאנגען צו עשיו'ן מיט דער תורה? פארוואס איז גאט לכתחילה ניט געקומען צו די אידן?

איז דער תירוץ:

גאט האָט געוואוסט אז אידן האבן ליב אלץ נאכצוטאן די גוים, האָט ער זיך געטראכט: זאל נאר עשיו מקבל זיין די תורה, וועלן די אידן שוין ממילא אים אין אלץ נאכטאן.

שארפזיניגער קנייטש

אין דער גמרא שבת (פּ"ח ע"א) זאָגט דער אמורא ר' אחאי, אז די אידן וועלן זיך קאָנען פארענטפערן אויף דער טענה פון רבונו של עולם: פאר וואס זיי האָבן ניט מקיים געווען די תורה, דערמיט, וואָס זיי האָבן די תורה ניט מקבל געווען מיט'ן גוטן ווילן, נאָר גאָט האָט זיי דערצו געצוואונגען.

פרעגן אָבער אלטע מפרשים אויף רב אחאָי'ן א קשיא: עס איז דאָך דאָ א בפירושער דין אין דער גמרא בבא בתרא (מ"ז ע"ב): תליהו וזבין וביניה, זביני, אז מען צווינגט איינעם קויפען א זאך, איז זיין קויף א געזעצליכער. טאָ ווי אזוי וועלן זיך די אידן קאָנען ריינוואשן דערמיט, וואס זיי האבן די תורה מקבל געווען מוט גוואלד און ניט מיט'ן גוטן ווילן?

האָבן די גדולי ישראל זיך געמאטערט צו פארענטפערן די דאָזיקע שווערע קשיא.

דער גרויסער גאון און חריף ר' יונתן אייבעשיץ האָט אָבער ארויסגעוויזן אז עס איז כלל ניט קשיא, ווייל ווען די אידן וואָל-

לכבוד יום טוב

טען ניט מקבל געווען די תורה, וואָלט דאָך דער דין פון „תליהו וזבין" אויך ניט אָנגענומען געוואָרן אלס דין!...

אזוי ארום האָט דער גאון מיט זיין שאַרפזיניגען „קנייטש" צו נישט געמאכט די דאָזיקע זעהר שווערע קשיא.

עשירים מעגן טאָן עבירות

אז א איד א נגיד טוט עפּעס אָפּ א מעשה נבלה, איז פאַרגעסט מען און מ'איז אים מוחל. טאָמער אבער טוט א איד א קבצן א קליינע עבירה, ווערט באלד א ויצעקו אז הימל עפן זיך. פאַרוואס איז עס אזוי?

איז דער תירוץ, אז עס איז א קבלה למשה מסני. בעת משה האָט צעבראָכן די לוחות וואס זיינען, כידוע, געווען הוילע דימאנטן און בריליאנטן, האבן זיך אידן א וואַרף געטאָן אויפצוקלייבן די ברעקלעך. די גבירים-עשירים וואס האבן שטענדיק מזל, האָבן געכאַפּט די גרעסטע שטיקער לוחות מיט די גרעסטע ווערטער: תרצח, תנאף, תגנוב און תחמוד — דו מעגסט הרגענען, דו מעגסט מזנה זיין, דו מעגסט גנבענען און מעגסט גלוסטן אלץ וואס געהערט ניט דיר. די קבצנים און דלפנים אבער, אָט די וואס זיינען תמיד גרויסע שלימזל'ניקעס, האבן קוים געכאַפּט די קליינע שטיקעלעך לוחות, און אויף זיי איז געווען אויפגעשריבן בלויז „לא" און „לא" — דו טאָרסט ניט און טאָרסט ניט.

יזכור-זאָגערס אין אמעריקע

אַ גרינער איד האָט אמאל פאַרבלאָנדזשעט אין א רעפאָרמירטן טעמפּל דעם צווייטן טאָג שבועות צו זאָגן יזכור. וואַרט ער דער שמש זאָל אויסרופן אז מ'גייט זאָגן יזכור, וואַרט און וואַרט ביז ער דערזעט אז דער עולם גייט שוין אהיים. גייט דער גרינער איד צו צום ראַביי, און פרעגט אים: היתכן? פאַרוואס

רופט מען ניט אוים פאר יזכור אז די וואס האבן עלטערן זאלן ארויסגיין פון שול?

דערזעט דער ראבײ אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט א גרינעם אידן, דערקלערט ער אים אין א צעבראכענעם אידיש אז אזוינע וואס האבן עלטערן קומען בכלל ניט אין טעמפל.

זאגט אים דער גרינער איד, דוקא א למדן און פרום:

— איר, ראבײ, זענט טאקע דער אמתער רב און אייער טעמפל איז טאקע דער אמתער מקום קדוש, ווייל אויף אייך איז געזאגט געווארן: מתיר אסורים ומקיים אמונתו לישני עפר, — בײ אייך איז אלץ מותר און דערלויבט, און אייער גאנצע אמונה באשטייט בלויז אין זאגן קדיש און יזכור נאך די טוידטע.

די בעסטע שבועות'דיקע דרשה

ר' חיים סאנצער פלעגט זיך נוהג זיין שבועות בייטאג צו זאגן תורה פארן עולם. איינמאל נאך מוסף, האָט ר' חיים סאנצער באפוילן דעם שמש גיין צו די רייכע חסידים אין שטאָדט און זיי אָנזאָגן מיטן הארבן וואָרט קומען הערן א דרשה, אן אנטיק אין דער וועלט.

זיינען די רייכע חסידים געקומען, און זיך אויסגעזעצט אויבנ-אָן ארום טיש. אז ר' חיים איז ארויסגעקומען פון זיין יחוד-שטיבל און דערזען די חסידים, האָט ער זיי אָפּגעגעבן א „גוט יום טוב" און זיך אוועקגעזעצט נעבן די חסידים.

זיצן די חסידים און ווארטן דער רבי זאָל אנהויבן די דרשה, אבער ר' חיים לאזט ניט ארוים קיין פּיפּס פון מויל נאָר זיצט א שווייגנדיקער און פארטראכטער. ערשט ווען די חסידים זיינען שוין געווארן שטארק אומגעדולדיק, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאגט:

— הערט אידן! ס'איז אמת אז אלע יאָר האָב איך זיך נוהג

לכבוד יום טוב

געוועז צו זאגן תורה און ווייזן חריפות אין פלפול, היינט אבער בין איך אלט און שוואך און וועל מוזן מאכן די דרשה גאר קורץ:

זייט ווייסן, אידן, אז איך דארף און מוז קריגן טויזנט גולדען, ניט חלילה פאר זיך נאר אויף צדקה. די נויט איז אזוי גרויס, אז מ׳קען עס אויף שפעטער ניט אפלייגן. און מחמת דעם טאקע זאג איך אייך, אז איך וועל קיין קידוש ניט מאכן ביז איר וועט מיר ניט צוזאגן אם ירצה השם תיכף נאך הבדלה אריינטראגן די טויזנט גולדען.

מערער האט ר׳ חיים גארניט געזאגט, און אוועק צוריק צו זיך אין יחוד-שטיבל. אריינגעקומען צוריק איז ער ערשט ווען מ׳האט אים אנגעזאגט, אז די טויזנט גולדען זיינען צוגעזאגט גע-ווארן. ווען מ׳האט דעם רבי׳ן שפעטער געבעטן האלטן זיין צו-געזאגטע דרשה, האט ער מיט א שמייכל זיך אפגערופן:

— צו וואס? איך האב שוין געהאלטן א דרשה, און קיין בע-סערע דרשה ווי די היינטיקע איז נאך קיינמאל ניט געהאלטן גע-ווארן.

טאוואר דאוואי !

אמאל, דערציילט מען, איז ר׳ אהרנ׳לע קארלינער אריינגע-קומען שבועות ביינאכט אין בית המדרש, און געטראפן א גרויסן עולם חסידים זאגן „תיקון ליל שבועות״. ר׳ אהרנ׳לע האט זיך דאמאלט צעשריען אויפן הויכן קול:

— טאוואר דאוואי! סחורה גיט, סחורה!

דער עולם איז געווארן דערשטוינט, און געפרעגט:

— וואס מיינט דער רבי ?

ר׳ אהרנ׳לע קארלינער האט דאמאלט דערקלערט בזה הלשון:

— בידוע, שיקן גרויסע פירמעס ארויס רייזנדיקע אגענטן אנ-צונעמען באשטעלונגען אויף סחורה. די אגענטן פירן מיט זיך

שבועות

שווערע קאסטנס מיט מוסטערן, וואס זיי ווייזן צו די סוחרים און אויפן סמך פון די דאָזיקע מוסטערן, קריגן זיי באשטעלונגען. איז ווען זשע האבן די מוסטערן א ווערט? זיי האבן א ווערט בלויז דאמאלט ווען דער פאבריקאנט האָט אין זאפאס די סחורה און קאָן זי ליפערן צום סוחר. דער אבער וואס האָט בלויז מוסטערן און סחורה צו ליפערן, האָט ער ניט, איז ער אדער א שוטה אדער סתם א חסר דעה. איר, אידן, וואס א גאנץ יאָר לערנט איר ניט קיין תורה, טא וואס ווילן אייך העלפן די מוסטערן פון תיקון ליל שביעות? טאָוואר דאוואי, סחורה גיט, סחורה און ניט קיין מוסטערן!

לא תחמוד ערגער פון לא תגנוב

מ'האט אמאל געכאפט א גנב אוועקנעמענדיק א פאר זיל-בערנע לעפל, און אים געבראכט צום רב. זאגט אים דער רב מוסר, מאָלט פאר אים א בילד פון גהינום און פרעגט אים לסוף פארוואס ער איז באגאנגען אזא שרעקלעכע זינד.

רופט זיך אפ דער גנב: איר פארשטייט, רבי, אויב איך וואלט ניט גע'גנבעט די לעפעל, וואלט איך דאָך עובר געווען אויף לא תחמוד און גארניט געהאט דערפון. טא וואס זשע ארט אייך אז איך בין ניט עובר אויפן לא תחמוד און האב נאך א פאר גוטע זילבערנע לעפעל אויך?!

משומדים און גרים

אויך וועגן דעם באוואוסטען אידישן געלערנטן ר' שמואל פיורטער, דעם מחבר פון „בית שמואל”, דערציילט מען, אז ווען מ'האָט אים אמאָל געפרעגט ווי ס'קומט, וואָס פונקט אזוי ווי ס'זענען פאראַן אידן, וואָס שמד'ען זיך, זענען אויך פאראַן גוים, וואָס זענען זיך מגייר, האָט ער דארויף געענטפערט:

זיבן און זיבעציק

לכבוד יום טוב

— דער שכל דערפון איז אַ גאַנץ פּשוט'ער; ס'שטייט גע-שריבן, אַז איידער די אידן האָבן אָנגענומען די תורה, איז דער אויבערשטער מיט איר אַרומגעגאַנגען פון איין אומה צו דער אַנ-דערער און זיך געבעטן, אַז זיי זאָלן זי אָננעמען, אָבער קיין איינע פון די אַלע אומות האָט די תורה ניט געוואָלט אָננעמען. די אידן זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן זי יאָ אָנגענומען. אמת טאַקע, לכתחלה האָבן זיי זיך אביסעל געקווינקעלט, אָבער מ'האָט זיי דאָך איינגעבעטן. נו, שטעלט זיך דאָ אַ פראַגע: גע-שיקט זיך, אַז צווישן די אַלע אומות, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די תורה, זיינען גאָר ניט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן יאָ געהאַט חשק זי אָנצונעמען? און געשיקט זיך, אַז צווישען די אידן, וואָס האָבן געזאָגט „נעשה ונשמע", זענען גאָר ניט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דוקא ניט געהאַט קיין חשק אָנצונעמען די תורה? איז דער תירוץ דאַרויף, אַז אודאי זענען דעמאָלט געווען אַזעלכע אי דאָ, אי דאָרט. און נאָך איצטער זענען אויך פאַראַן אַזעלכע אי דאָ, אי דאָרט. און דערפון נעמט זיך עס וואָס אין יעדן דור קערען זיי זיך אום צו דעם וואָס ס'ציהט זיי: די שמד'ען זיך, און די זענען זיך מגייר.

די תורה אין מדבר

מען האָט אמאָל געפרעגט דעם העברעאישן שריפטשטעלער אד"ם הכהנ'ען:

— פאַרוואָס האָט גאָט געגעבן די תורה אין מדבר און ניט אין ארץ-ישראל?

האָט אד"ם הכהן געענטפערט:

— ווען גאָט וואָלט געגעבן די תורה אין ארץ ישראל, וואָלטן די אידן כסדר זיך געווען אַרומגעקריגט צווישן זיך. איינער וואָלט געזאָגט די תורה איז געגעבן געוואָרן אויף דעם חלק לאַנד וואָס

געהער צו מיין שבת, דעריבער איז זי מיין תורה און ניט דיינע; און אנדערער, ווידער, וואָלט געזאָגט: איך דאַרף ניט האַלטן די תורה, ווייל זי איז געגעבן געוואָרן צו דיין שבת און ניט צו מיינעם. דעריבער האָט גאָט געגעבן די תורה אין מדבר, וואס איז א מקום-הפקר. אזוי אז אַלע אידן האָבן דאַרטן אַ גלייכן חלק...

מודה במקצת און כופר הכל

בעת דער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן האט אנגעהויבן מפורסם צו ווערן אין דייטשלאַנד, איז דער רב אין זיין שטאָדט, דער גאון ר' הערשעלע לעווין, געווען אויף אים בייז און געקוקט מיט גרוים חשד אויף זיינע נייע השכלה דרכים. איז ווער געקומען צום רב אין שבועות און דערציילט, אז ביי מענדעלסאָן אין שטוב האָט מען ניט אויסגעשטעלט קיין גרינס אויף שבועות.

האָט דאַרויף דער רב סאַרקאַסטיש באַמערקט:

פאַראיאָרן איז מענדעלסאָן נאָך געווען א מודה במקצת און חייב בשבועות. היינטיקס יאָר איז ער, קאַנטיק, שוין א כופר הכל, און פטור פון שבועות.

נייע תבואה

וועגן דעם באוואוסטן אידישן געלערנטן ר' שמואל נוהג געווען, אז שבת פאַר שבועות זאָל ער ביים טיש ניט זאָגן קיין תורה. און ווען מ'האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער איז זיך אזוי נוהג, האָט ער דאַרויף געגעבן אזא ענטפער:

— ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, אזוי, — האָט ער געזאָגט. — פאַר מתן-תורה בין איך פונקט אזוי ווי א פויער פאַר'ן שניט: דער שפייער איז ליידיק, ווייל פון דער אַלטער תבואה איז גאַרניט געבליבן, און קיין נייע תבואה האָט מען נאָך ניט אריינגעפירט...

לכבוד יום טוב

תורה ווערטער

אָן תורה — ניטאָ קיין אידן. אָן אידן — ניטאָ קיין תורה.
„א איד דארף לערנען תורה" — אזוי זאָגט די תורה.

„ולמדתם אותם את בניכם" — און איר זאָלט זיי לערנען, אייערע קינדער, תמיד לערנען, ווען דו זיצסט אין הויז, ווען דו גייסט אין וועג, ווען דו לעגסט זיך און ווען דו שטייסט אויף...

און די חכמים זאָגן אָן:

„ושמתם" — הייסט: סם תם. די תורה איז געגליכן צו א לעבענס-רפואה.

„כדגי הים" — פארוואס זיינען מענטשן געגליכן צו די פיש פון ים? אזוי ווי די פיש, ווען זיי קומען אויף דער יבשה שטארבן זיי, אזוי אויך מענטשן, ווען זיי גייען אוועק פון תורה און מצוות, אזוי שטארבן זיי.

„וזאת התורה אשר שם משה" — סם משה! — משה האָט געגעבן די אידן א מעדיצין צום לעבן.

ווער עס לערנט תורה אין דער יוגנט, ווערן די רייד פון דער תורה איינגעזאפט אין זיינע בלוטן.

לערנען תורה איז וויכטיקער אפילו, ווי בויען דעם בית המקדש.

לערנען תורה איז וויכטיקער אפילו, ווי אָפגיבן כבוד פאָטער און מוטער.

„ותלמוד תורה כנגד כולם" — לערנען תורה איז וויכטיקער ווי אלע אנדערע מצוות.

אכטציק

די הייליקייט פון זיך מקריב זיין

חסידים האָבן אמאָל געפרעגט דעם ראָפשיצער רבין:

— פארוואס האָט גאָט געהייסן בויען דעם בית-המקדש אויפ׳ן הר המוריה אין ירושלים און ניט אויפ׳ן הר סני אין מדבר, דאָרט וואו ער האָט געגעבן די תורה?

האָט דער ראָפשיצער רבי געענטפערט:

— דערפאר האָט גאָט געהייסן בויען דעם בית המקדש אויפ׳ן הר המוריה, ווייל דארט וואו א מענטש איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאר גאָט, אזוי ווי יצחק האָט געוואָלט טאָן ווען זיין פאָטער אברהם האָט אים געבראַכט צו דער עקידה, איז דאָס אָרט הייליגער אפילו פון דעם אָרט וואו מען האָט געגעבן די תורה.

פאַרוואָס מ׳קויפט ניט קיין ספרים

ווען דער רבי ר׳ יעקב יוסף פון פולנא האָט אָפּגעדרוקט זיין ספר „תולדות יעקב ויוסף", איז ער דערמיט ארומגעפאָרן איבער פארשיידענע שטעט און שטעטלעך פארקויפן זיין חיבור.

איינמאָל איז ער געקומען קיין בערדיטשעוו, איז ער פאַר-פאָרן אין אן אכסניה און געוואַרט אז עס זאָלן קומען קונים קויפען זיין ספר. ער האָט געשטעלט א הויכען פרייז פאר׳ן ספר, א רענ-דעל פאר אן עקזעמפּלאַר. פארשטייט זיך, אז קיין סך בעלנים אויף זיין ספר האָבן זיך ניט געפונען.

האָט דער פולנא׳ער רבי דערפון גרויס צער געהאט, און האָט זיך באַקלאָגט פאר דעם זשיטאָמירער רבי ר׳ וואָלף.

— וואו איז דאס געהערט געוואָרן — האָט ער גערעדט מיט א ביטער הארץ. — איך בין געקומען פארקויפן א ספר, וואָס לערנט דער וועלט דעם רבינ׳ס (דעם בעל שם-טוב׳ס) תורה, לסוף בא-ווייזט זיך ניט קיין קונה אויף א רפואה.

איין און אכטציק

לכבוד יום טוב

האָט אים געטרייסט דער זשיטאָמירער רבי:

— וואָס איז דער חידוש — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל:

— וואָס דאַרפט איר מער? אויך דער רבונו של עולם איז געווען א גאַנץ אָנגעזעענער מחבר, זיין ספר איז ניט געווען קיין ערגערער פון אייערן; פונדעסטוועגן איז ער ניט פאַרפאַרן אין אַן אַכסניה און געוואַרט ביז מען וועט קומען צו אים, נאָר ער האָט זיך אַרומגעטראָגן צו פאַרשיידענע קונים, צו פאַרשיידענע פעלקער און קיינער האָט זי ניט געוואָלט נעמען...

פאַר מתן תורה

א פיעטאַטנער מלמד האָט געלערנט מיט זיינע אַמעריקאַנער תלמידים: וישמע יתרו — ווען יתרו דער גלח פון מדין דער שווער פון משה. . . שרייט אויס א תלמיד: רבי, א גלח טאָר דאָך ניט האָבן קיין ווייב, טא פונוואַנען האָט זיך צו אים גענומען א טאָכ-טער?

גויעשער קאָפּ, וואָס דו ביסט! — ענטפערט דער מלמד מיט כעס — דאָס איז דאָך געווען פאַר מתן תורה!

כבהמות נדמו

ווען ר׳ אריה-לייב גרינקישאָקער דערציילט מען, אַז אַן אַפּיקורס, וואָס האָט זיך געוואָלט קליגערן אַביסעל אויף זיין חשבון פון אידישע מנהגים, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אים ערב שבועות און פאַרפירנדיק א שמועס וועגן דעם יום טוב, וואָס קומט, האָט ער געזאָגט:

— רבי, איך וויים פאַר וואָס אידן עסן שבועות מילכיקס.

— פאַר וואָס? — האָט ר׳ אריה-לייב ביי אים געפרעגט און ער איז געווען גרייט צו הערן אַן אַפּיקורסות, וואָס וועט אים אודאי ניט געפעלן.

צוויי און אכטציק

— מ׳עסט מילכיקס, האָט דער אפיקורס געענטפערט, — דער־פאר וואָס אין דעם טאג ווען מ׳האָט געדראפט געבן די תורה, זיינען אַלע בהמות אוועק צום בארג סיני....

— גוט געזאגט! — איז ר׳ אריה־לייב דעם אפיקורס ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. — איידער די אידן האבן אָנגענומען די תורה, וואס מ׳האָט זיי געגעבן אויפ׳ן באַרג סיני, זיינען זיי טאַקע געווען פונקט ווי בהמות. וואס האבן זיי געוואוסט פון מעשים טובים און וואָס האָבן זיי געוואוסט פון מענשלעכ־קייט? מענשן זיינען זיי געוואָרן ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגענומען די תורה. און די אידן, וואס האבן נאָך ביז היינטיקן טאג די תורה ניט אָנגענומען, זיינען געבליבן בהמות...

חג שבועות און חג האסיף

דער קעלמער מגיד איז געקומען אויף שבועות אין קעניגס־בערג, מזרח־פּרייסן, האָט ער דורך מודעות געלאָזט וויסן אז ער וועט דעם ערשטן טאג שבועות האלטן א דרשה אין דער גרויסער שול. זיינען אבער צו דער דרשה געקומען קוים א מנין אידן. די מערהייט דאָרטיקע אידן זיינען געווען רעפארמירטע, און האבן זיך פונקט יענעם טאג געמוזט ארויסלאזן איינזאמלען און אויפמאנען די חובות פון די קריסטלעכע קונים.

דארויף האָט דער קעלמער מגיד געזאגט: די קעניגסבערגער אידן האָבן קאנטיק געמאכט א טעות אין חשבון און אויסגע־טוישט דעם חג השבועות אויף חג האסיף.

דער בעל עגלה און מתן תורה

א סוחר האָט אמאָל געדונגען א בעל עגלה אים צוצופירן אין א דערביייאיקער שטאדט, און דערביי האָט ער אויסגערעדט אז אויב ער וועט ניט אנקומען אהין אין דער באשטימטער צייט

לכבוד יום טוב

וועט דער בעל עגלה ניט קריגן באצאלט. איז אבער דער וועטער געווען אן אסיענדיקער, און דער בעל עגלה האָט זיך געשלעפּט אויפן וועג און ניט אנגעקומען אין צייט. דער סוחר האָט ניט געוואלט באצאלן, און דער בעל עגלה האָט אים געבראכט צום מרא דאתרא האבן א דין תורה. דער רב אויסהערנדיק דעם אפּ-מאך, האָט ער גע'פּסקנ'ט אז דער בעל עגלה האָט וועדליק דעם דין פון דער תורה פארשפּילט.

רופט זיך אָפּ דער בעל עגלה:

— רבי, ווען איז געגעבן געווארן די תורה?

— וואס הייסט — וואונדערט זיך דער רב — איר ווייסט גאר-ניט אז שבועות איז געגעבן געווארן די תורה?

— איך ווייס, רבניו, — רופט זיך אן דער בעל עגלה מיט שמחה — און דערפאר טאקע טענה איך אז די תורה האָט גע-מאכט אזא דין דערפאר וואס עס איז געווען שבועות-צייט ווען דער וועטער איז שיין און די וועגן זיינען גוטע. איצטער אבער איז שוין דער סעזאן פון בלאָטעס און רעגנס, און דער דין איז דאריבער אנדערש.

וירד ה׳ על הר סיני

געקומען איז — ווערט דערציילט אין מדרש — דער הר הכרמל און האָט פארלאנגט, אז אויף אים זאָל געגעבן ווערן די תורה, ווייל אויפ׳ן דאָזיקן בארג וועט מען אויסשעכטן די נביאי-הבעל און ער דינט דאריבער אלס סימבאָל פאר קנאת ד׳ צבאות. דאן ווידער איז געקומען דער בארג תבור, אז אויף אים זאָל מען געבן די תורה, ווייל אויפ׳ן דאָזיקן בארג וועט דבורה איר באפרייאונגס-ליד זינגען, און ער דינט דאריבער אלס צייכן פון נאציאנאלער מסירת-נפש. אויסגעוויילט געוואָרן איז אָבער דער קליינער בארג סיני, אויף וועלכן יצחק איז געוואָרן געפירט צו דער עקדה.

פיר און אכטציק

שבועות

זיך אליין צו ברייננגען פאר א קרבן, איז מער העלדישקייט ווי יענעם אומצוברייננגען, ווי אויסצו׳הרג׳ענען אפילו פיר הונ-דערט נביאי-הבעל און סיסרא׳ס חיילות. . . .

ומשה עלה אל האלהים

משה רבינו איז דערצויגן געווארן ווי א פרינץ אין הויז פון פרעה מלך מצרים, האט ער אבער ניט געזוכט קיין ערדישע פאר-געניגנס און גרויסקייטן נאר „עלה אל האלהים״, איז כסדר גע-גאנגען צו דער געטלעכער גייסטיקייט און דערהויבנקייט.

כל הנוגע בהר מות ימות

קלעטערן צו הויך איז א גרויסע סכנה. יעדער בארג ארויף האט אויך א בארג אראפ, און דער מענש וואס זוכט דוקא צו קלעטערן צו הויך, קאן חלילה אראפפאלן און נהרג ווערן.

ויקנאו למשה במחנה ולאהרן בקודש

וההר בוער באש

דער רבי ר׳ העניך האט געטייטשט: וההר בוער באש עד לב השמים — ס׳פייער פון בארג סני דארף ברענען אינם אידן אזוי שטארק ביז ס׳הארץ זיינס וועט פארוואנדלט ווערן אין הוילער הימלישקייט.

הנה אנכי בא אליך בעב הענן

ווען דעם מענשן גייט גוט און די זון שיינט אויף אים, פאר-געסט ער אז ס׳איז פאראן א גאט אויף דער וועלט. דער מענש האלט זיך דאמאלט פאר א גרויסן חכם און מאדים, און בארימט זיך אז כוחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה. חלילה אבער הויבט

לכבוד יום טוב

זיך די זון אָן צו טוקן און דער לעבן ווערט פארוואלקנט בעב הענן, מיט א דיקן וואלקן, דאמאלט הנה אנכי בא אליך — דאמאלט דערמאנט מען זיך אז ס'איז פאראן א גאָט.

אנכי ד' אלקיך

אנכי איז בלויז א געטלעכער אטריבוט. ווען א מענש ווענדט עס אן אויף זיך, איז עס אנכיות, הוילער עגאָאיזם, וואס דערפירט צו סאציאלע איבלען.

אשר הוצאתיך מארץ מצרים

בלויז אין פרייהייט קאן מען תופס זיין דעם געטלעכן אנכי, אבער קיינמאל ניט אין קנעכטשאפט.

לא יהיה לך אלהים אחרים

דער לא יהיה דערגאנצט דעם אנכי. גלויבן אז גאָט האָט ארויסגעפירט די אידן פון מצרים, איז ניט גענוג און ניט שלימות'-דיק; מ'מוז אויך פון זיך פארווארפן אלע פרעמדע געטער.

על פני

שטעל ניט ארײַן קיין צלם בהיכל. גאט איז ניט ניחאָ די מאָ-דערנע לחצאין-אידישקייט. בלויז באנקראטירטע צאלן פופציק פראצענט.

ששת ימים תעבוד

ארבעט זעקס טעג, און רו אינם זיבעטן. ביידע, ארבעט און רו, זיינען געטלעך.

זעקס און אכטציק

שבועות

זכור את יום השבת

די חז״ל זאגן: זכרהו על היין. ווייַן שטאַרקט דעם אידנ׳ס זכּרון. אין קידוש-בעכער דערטרינקט ער זייַנע צרות, און דער-ווערבט זיך א נשמה יתירה. א גוי פאַרלירט זיך אין א גלעזל ווייַן, און פאַרגעסט וואו ער האַלט.

כבד את אביך ואת אמך

דער פינפטער דיבור איז צווישן חובת האדם למקום און חובת האדם לחברו. מ׳קען ניט זייַט גוט צו גאָט אדער צו לייַט סייַדן מ׳היט אפּ כבוד אָב ואם.

לא תענה

זייַ ניט קיין פאַלשער עדות קעגן וועמען, ניט אפילו קעגן א רשע. רבי עקיבא זאָגט אפילו: ואהבת לרעך כמוך רעך במצוות,— איז עס אָבער גערעדט בלויז ביי א מצות עשה, בלויז גוטס צו טאָן. ביי א מצוה לא תעשה, ניט צו טאָן קיין שלעכטס, איז חל אפילו אויף א רשע.

אידן האָבן תמיד טענות צו זייערע מנהיגים, און ווי איינער זאָל זיך ניט פירן איז דער איד אַלץ מיט אים אומצופרידן. משה איז געווען א געטלעכער מענש, זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און ווייניק געקומען אין באַרירונג מיטן פאָלק. האָט דאָס פאָלק גע-האַט טענות צו אים, און ויקנאו למשה — זיי האָבן געקריגט אויף משה׳ן „במחנה״, אַז א פירער דאַרף זיך תמיד געפינען אין דער מחנה, זייַן אויסגעקאָכט מיטן פאָלק ווי איינער פון זיי.

זיבן און אכטציק

לכבוד יום טוב

אהרן איז געווען א פאָלקס-מענש, אן אוהב שלום און אין בסדר'דיקן קאנטאקט מיט די ברייטע מאסן. איז מען מיט אים אויך ניט געווען צופרידן, און מ'האָט געקריגט אויף אים „בקודש". א פירער, האבן די אידן גע'טענה'ט, דאַרף ניט זיין א פשוטער בשר ודם, א פאָלקס-מענש, נאר קדוש השם — דאַרף זיין אפגעזונדערט פון פאָלק און זיך אפגעבן בלויז מיט געטלעכקייט.

והייתם לי סגולה

א סגולה איז אזוינס וואס איז ניט ווינשאפטלעך און ניט אפילו לאגיש. די אידן זיינען אין דער בחינה פון א סגולה. ניטאָ דער חכם אויף דער וועלט וואס זאָל קענען דערקלערן ווי אזוי דער אידישער קיום דערהאלט זיך אינם ים פון שנאה און רציחה.

אכט און אכטציק

ראש השנה

ראש השנה

דער כח פון תשובה

אין די זכרונות פון חזן ר׳ פינחס מינקאָווסקי ע״ה ווערט דערציילט:

ר׳ בצלאל פון אָדעס איז געווען א באַרימטער חזן, גע׳שמ׳ט אַלס גרויסער מנגן און אויסטייטשער פון תפילות.

ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן האָט ער געלערנט ש״ס און פוסקים און געוואָלט ווערן אַ שוחט. איז ער איינמאָל גע-קומען צום לובלינער „חוזה״, צו ווייזן אים זיינע חלפים. דער צדיק האָט אים באַטראַכט און געזאָגט:

— איך זע, אז דו וועסט ווערן אַ וועלט-באַרימטער חזן; דיין האַלז איז שאַרפער און גלאַטער פאַר דיינע חלפים און דיינע לונגען וועלן זיין געזונט דיין גאַנצן לעבן, אָן אַ שום סרכה.

ר׳ בצלאל האָט אַריינגענומען אין געדאַנק דעם צדיק׳ס ווער-ביים עמוד. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און איז שוין געוואָרן באַוואוסט אַלס גוטער חזן. ווען ער איז געקומען אין שטעטל סאַווראַן און הרב ר׳ משה ז״ל האָט אים געהערט דאַווענען, האָט ער אים אויפגענומען פאַר אַ שליח צבור אין זיין בית-המדרש. דער צדיק האָט אים אַרוים-געוויזן גרוים ליבשאַפט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ר׳ בצלאל מיט זיין זיסן קול עפענט-אויף די אידישע הערצער פאַר זייער פאָטער אין הימל.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ר׳ בצלאל איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה, און דער צדיק האָט אים אַרונטערגעזעצט פון זיין חזנות. ראש השנה האָט ר׳ בצלאל געדאַווענט אין רב׳ס בית-המדרש אין אַ ווינקל און געזאָגט זיינע תפילות גאַנץ שטיל. ווען דער חזן האָט דערגרייכט, אין דער תפילה „וכל מאמינים״, צו דעם חרוז „הפותח שער לדופקי בתשובה״, האָט ר׳ בצלאל

לכבוד יום טוב

אריבערגעדעקט זיין טלית איבערן פנים און האָט אזא שטארקן זיפץ געטאָן, אז עס האבן אויפגעציטערט אַלעמענס הערצער, האָט דער רב אויפגעהויבן זיינע אויגען צום הימל און געזאָגט:

— רופט ר׳ בצלאל׳ן גיין דאַווגען צום עמוד; ער האָט תשובה געטאָן.

דער זין פון כפירה

דער לידער רב און גרינדער פון מזרחי, הרב יעקב ריינעס, האָט געטייטשט:

שובה ישראל — דער נביא רופט דיך צו תשובה אפילו ווען דיינע זינד האָבן שוין דערגרייכט עד ד׳ אלקיך, אפילו ווען דו האָסט שוין, חלילה, געלייקנט אין דער געטלעכקייט. כי כשלת בעונך — ווארן ס׳איז זיכער אז די כפירה דיינע איז ניט קיין אמתע, קומט ניט פון אינערלעכער איבערצייגונג, נאָר ביסט בלויז נכשל געווארן, ס׳איז בלויז א פועל יוצא פון דיינע זינד וואס דו ווילסט פארדעקן מיט דער כפירה.

המן דער גורם צו תשובה

דער זעלבער רב האָט אויך געזאָגט: ס׳שטייט אין דער גמרא (סנהדרין צ״ז): אם אין ישראל עושין תשובה הקדוש ברוך הוא מעמיד להם מלך קשה כהמן ומחזירן למוטב — אויב אידן טוען ניט קיין תשובה, שטעלט גאָט ברוך הוא אויף א שלעכטן מלך ווי המן און ער ברענגט זיי צו תשובה. איז דאָך די קשיה: פארוואס עפעס דוקא המן? זיינען דען ניט געווען אנדערע אזעל-כע שלעכטע צוררים וואס האבן געוואלט אומברענגען דאָס אי-דישע פאלק?

איז דער תירוץ: צווישן רבי אליעזר און ר׳ יהושע איז פאראן א מחלוקה צי תשובה דורך התעוררות פון צרות, איז

באמת א תשובה. דאריבער ברענגט ר׳ יהושע א ראיה פון המן הרשע, אז די תשובה צו וועלכער ער האָט גורם געווען האָט גע-האָלפן די אידן ניצול צו ווערן פון אונטערגאנג.

פארגעס דאָס שלעכטע און טראכט פונם גוטן

דער פשיסכער רבי האָט געזאָגט: סור מרע, קער אָפּ פונם שלעכטן, פארגעס אז דו האסט אמאָל געטאָן שלעכטס ועשה טוב — און טו פון איצטער אן בלויז גוטס, וואָט דאָס שלעכטע ממילא בטל ווערן. דער חטא איז באמת ניט אינם שלעכטן וואָס א מענש האָט אמאָל געטאָן, נאָר אין דעם וואָס ער האָט זיך דערפון ניט אפּגעקערט.

דער שטן האָט אַ קניפּל

ס׳איז אַ דבר ידוע, אז דער סאסאווער, זכותו יגן עלינו, **איז** געווען א גרויסער קפדן. דער שטן פלעגט פאר אים ציטערן אימת מות. פלעגט דער סאסאווער אליין זיין דער בעל תוקע, און פאר-טרייבן דעם שטן ביזן שאול תחתיה.

איין ראש השנה, א יאָר פאר זיין הסתלקות, האָט ער, זכרונו לברכה, שוין ניט געקענט בלאָזן. די דאָקטוירים האבן אים פאר-זאָגט ניט אָנשטרענגען דעם האלז, האָט ער באפוילן זיינעם א מקורב בלאָזן שופר. ווי נאָר דער חסיד האָט גענומען דעם שופר אין האנט, איז דער שטן אַרויסגעוואקסען און גענומען מקטרג זיין. דער חסיד בלאָזט און ס׳הערט זיך קוים א קול דממה דקה; דער חסיד שפּייט מיט בלוט, שטרענגט אָן אלע זיינע כחות און דער שופר שווייגט.

דער צדיק שרייט נו, א, תקיעה, און דער שופר שווייגט. אבער האָט ער דערזען ווי פון שופר פאלט ארויס א קניפּעל מיט מטבעות. דער צדיק האָט דאמאלט אויסגעשריען מיט גרוים צער:

לכבוד יום טוב

„אוי, רבונו דעלמא כולא, זע ווי די תשוקה פון געלט איז גרויס אז אפילו דער שטן האָט אויך א קניפּעל.״

דער נאָך האָט ער געבלאָזן שופר מיט התלהבות און פרייד טער: ער האָט אוועקגעלייגט זיינע חלפים און אָנגעהויבן דאווענען האָט דער צדיק פארשטאנען, אז דער שטן איז מקטרג, האָט ער גענומען דעם שופר און מיט אים אָנגעהויבן האקן איבערן שטענ-דער. ער האָט געזען בחוש, אז ער ממית'ט דעם שטן. באלד איבער דעם נצחון קעגן שטן.

ומלאכים יחפזון

דער בעלזער רבי האָט אמאל געפרעגט: פארוואס ציטערן די מלאכים, קענען זיי דען זינדיקן?

האָט ער געענטפערט: דער רצון פון גאט איז אז די מלאכים זאלן זיין מליצי יושר און זאלן תמיד מלמד זכות זיין אויף אידן, איז ראש השנה און יום כפור ווען אידן ווערן געמשפט און מ'הויבט אן פארשרייבן זייערע עבירות, ציטערן די מלאכים אז זיי וועלן ניט קענען געפינען קיין זכות.

פון טביה'ס טייטשן

הממליך מלכים ולו המלוכה — מ'זאלצט די געזאלצענע, און ס'איז אלץ ניט געזאלצן.

די זעלביקע עבירות

א איד וואס האָט זיך יעדן יאָר צוגעהערט צו די מוסר-רייד פון קעלמער מגיד, האָט איינמאָל נאָך א שבת-תשובה'דיקער דרשה זיך צו אים אָפּגערופן:

— איך ווייס, רבי, אז איר קאנט תמיד זאגן א ניי ווארט,

פיר און ניינציק

און אז איך פעלן ניט אוים קיין דברי מוסר, און דאָך זאגט איר שוין עטלעכע יאָר איבער דיזעלבע דרשה מיטן זעלבן מוסר. היתכן?

ענטפערט אים דער קעלמער מגיד:

— אודאי האב איך ברוך השם נייע דברי תורה און נייע דברי מוסר, אבער וואס בין איך שולדיק אז איר האָט היינטיקס יאָר אפגעטאן די זעלבע עבירות וואס פאראיאָרן?!

באין מליץ יושר

דער רבי ר' בונם מפשיסכא האט געטייטשט: באין מליץ יושר מול מגיד פשע — ווען אלע זיינען מלמד חוב אויף אידן און ס'איז ניטאָ קיין מליץ יושר, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט וצדקנו במשפט — דאמאלט ווערט אנגעווענדט דער חוק אז בית דין שאמרו כולו לחובה, אויב דער גאנצער בית דין איז מחייב ווערט דער גע'משפטער באפרייט ווי א זכאי.

מכות אין די סליחות

נאָך די ערשטע סליחות איז א איד אריין אין רעסטאָראַן עפּעס עסן. שפּעט איז געווען, איז וואס ער האָט געבעטן האָט ער ניט געקראָגן. זאגט ער צום רעסטאראטאר:

— זאָגט מיר, ר' איד, ווי קומען עפּעס די מכות אין די סליחות?

קוקט אים אן דער רעסטאראטאר מיט פארוואונדערונג:

— וואס הייסט?

דערקלערט אים דער איד:

— מכות, ווייסן אלע, זיינען אין דער הגדה, אבער ביי אייך, משמעות, קריגט מען מכות אפילו אין סליחות.

לכבוד יום טוב

זכרנו לחיים

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים. ניט מיר נאָר דו האָסט דאָך פאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן לעבן" על כרחך אתה חי!" איז אויב זשע דו, רבונו של עולם, האָסט דאָס געוואָלט מוזטו דאָך אונז געבן די מעגלעכקייט צום לעבן.

קרן און ריוח

דער גאון ר' חיים אויערבאך ז"ל, פון לונשיץ, האָט אַמאָל געזאָגט אום ראש השנה:

— הרם קרן ישראל עמך! רבונו של עולם נעם אַרויס דעם קרן פון גלות, וואַרט ניט אויף ריוח. וואָרים אַז דו וועסט לאַנג וואַרטן וועסטו דעם קרן אויך פאַרלירן...

דער כח פון תפילה

ר' לוי-יצחק פון בערדיטשעוו האָט איינמאָל, ראש השנה פאַר תקיעת-שופר געזאָגט פאַרן עולם:

— איך בין אַמאָל געווען אין אַן אכסניה בשעת אַ יריד. סוחרים איילנדיק זיך צום יריד האָבן אָפּגעזאָגט דאָס דאַווענען אויף גיך, אַז מ'האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס זיי זאָגן: אַלעס וואָס מ'האָט געהערט איז געווען אָפּגעריסענע הברות: באַ-מאַ-בע-מע... בין איך אין כעס געוואָרן אויף זיי און האָב זיי אויסגעמוסרט. אַזוי, פרעג איך זיי, איז מען מתפלל צום מלך מלכי המלכים?

איז דאָרט געווען אַ איד, אַ פשוטער, אָבער אַ פקח. האָט ער מיר די אויגן געעפנט. אַ קינד אין וויגעלע, האָט דער פשוטער איד געזאָגט, רעדט אויך ניט קיין קלאָרע דיבורים. עס בעקעט און מעקעט. אפילו חכמים ונבונים וועלן ניט פאַרשטיין וואָס עס

זעקס און ניינציק

מיינט. זיין מאמע, אָבער פאַרשטייט יאָ. אַזוי זיינען מיר אויך, דעם רבונו של עולמס קינדער. ער פאַרשטייט אַלעס וואָס מיר זאָגן; ס׳מאַכט ניט אויס ווי מיר זאָגן עס.

— רבותי, — האָט ר׳ לוי-יצחק געענדיקט, — יענער איד איז געווען אַ חכם מחוכם. ניט אין די ווערטער ליגט דער כח פון תפילה, נאָר אין דער כונה שבלב...

מי יחיה

אַ צווייטן מאָל, ראש השנה צו מוסף ביים „בראש השנה יכתבון״, האָט ר׳ לוי-יצחק מפסיק געווען און אָנגעהויבן פאַר-טייטשן:

— בראש השנה יכתבון, אום ראש השנה שרייבן זיי (די אומות העולם), וביום צום כיפור יחתמון, און אין יום כפור חתמענען זיי. כמה יעברון, וויפיל נשים מאַכן זיי מעוברת אין די הייליקע טעג, וכמה יבראון און וויפל ממזרים באַשאַפן זיי אין די פּאַרכטיקע טעג? טאָ זאָג זשע אַליין, רבונו של עולם, מי יחיה, ומי...

צדקה אויף אַ וועקסל

דער דובנער מגיד האָט אַמאָל געזאָגט: וואָס איז די מעשה וואָס אַלע אבינו מלכנוס זאָגט מען הויך, אויפן קול, און נאָר דעם לעצטן — חננו ועננו כי אין בנו מעשים — זאָגט מען שטיל?

— עס איז אַזוי ווי מיט יענעם סוחר, — וואָס קומט אינם גרויסן הורט געשעפט און מאַכט אַ גרויסע באַשטעלונג. די משרתים טאַנצן אַרום אים, אַ קלייניקייט, אַ גרויסער סוחר! אַ סך פדיון! און ער, דער סוחר, לויפט אַרום און באַשטעלט הויך אויפן קול, אַלערליי סחורות. עס קומט אָבער צום באַצאָלן רופט דער סוחר אָפּ דעם אייגנטימער אין אַ ווינקל און רוימט אים

לכבוד יום טוב

איין הכנעהדיק אין אויער ע... ע... ע... ר׳ זלמן, קיין מזומן איז ניטאָ, איר וועט... נעמען א וועקסל...

— אזוי איז מיט אידן: פריער איז מעשה סוחר: אבינו מלכנו, חדש עלינו שנה טובה; אבינו מלכנו — פרנסה וכלכלה! עס קומט אבער צום צאָלן, ווערט נעבעך ביטער. איז דערפאר זאָגט מען שטילינקערהייט אבינו מלכנו חננו ועננו — כי אין בנו מעשים. עשה עמנו צדקה וחסד — אויף א וועקסעלע...

זאָל איוואן בלאָזן. . .

איינמאָל בעת ר׳ לוי־יצחק האָט גענומען דעם שופר און זיך געשטעלט מאכן די תקיעות, האָט זיך דער שופר פארהאַקט. ר׳ לוי־יצחק פרואווט דעם שופר פון אלע זייטן. עס גייט ניט! ניטאָ קיין קול שופר. ווערט ר׳ לוי־יצחק אויפגערעגט, לייגט אנידער דעם שופר און זאָגט:

— רבש״ע ווילסט ניט אז איך זאָל בלאָזן שופר, זאָל דיר איוואַן בלאָזן שופר...

די אמתע כונה

ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אמאָל געזוכט א בעל תוקע אויף ראש השנה. זיינען געקומען א סך לומדישע אידן. פארהערט זיי ר׳ לוי־יצחק.

— וואס ביסטו מכון בשעת די תקיעות? — פרעגט ער איי־נעם, — האָט יענער אויסגערעכנט כוונות און יחודים וואָס על פי קבלה דארף מען מכון זיין בשעת תקיעות שופר.

און אזוי א צווייטער, א דריטער און א פערטער.

— און דו? — פרעגט ער א פשוטן אידן, וואס האָט אויך געוואָלט זוכה זיין צו זיין ר׳ לוי־יצחקס בעל תוקע, האָט אָבער ניט געהאט די העזה צו שפארן זיך פאָרויס.

ראש השנה

— מיין כונה? — ענטפערט דער פּראָסטער איד, — איך בין אן עני ואביון; האָב פיר טעכטער חתונה צו מאכן, די עלטערע זיינען שוין אין גרויען צאָפּ, איז מיין כונה בשעת תקיעות, רבש״ע, שיק מיר צו זיווגים פאר מיינע טעכטער.

— זייער גוט! — האָט ר׳ לוי-יצחק אויסגערופן, — דו ביסט מכון די אמתע כונה. אזא בעל תוקע זוך איך.

דער נס מיט עקדת יצחק.

— דעם רבש״ע, — פלעגט זאָגן דער בארימטער חסידישער וויצלינג ר׳ מרדכי ראקאָווער, — האָט געטראָפן א גרויסער נס מיט דער עקדה.

— ווארים מה-דאָך אז אברהם האָט בלויז געוואָלט שעכטן יצחק׳ן, הערן אידן ניט אויף צו שרייען און מרעיש אולם זיין: זכור לנו עקדת יצחק! היינט וואס וואָלט געווען, פרעג איך אייך, ווען אברהם וואָלט יצחקן טאקע אויף אן אמת געשאכטן? דער רבש״ע וואָלט זיך אויף אייביק ניט געקאָנט אויסקויפן פון די אידן...

איז מבלבל דעם שטן

בשעת רבי העשל איז נאָך געווען א קליינער אינגל האָט אים זיין פאָטער איינמאָל געכאפּט עסנדיק פאר תקיעות.

— וואָס איז דאָס? — מוסרט אים זיין פאָטער. — ביסט, חלילה, משוגע צי חסר דעה? פאר תקיעות!

— מיר זוכן דאָך, טאטע, פארשיידענע עצות כדי מבלבל צו זיין דעם שטן, — ענטפערט דער קליינער העשל, — נו, איז מיר איינגעפאלן א פלאן. אזוי ווי מ׳בלאָזט דאָך שופר כדי צו צע-טומלען דעם שטן, היינט אז דער שטן וועט זען אז איך עס, וועט ער מיינען אז עס איז שוין נאָך תקיעות, וועט ער זיך אויפהויבן, אוועקגיין און מער ניט מקטרג זיין.

לכבוד יום טוב

דריי תפילות

אַן אַמעריקאַנער שול-פּרעזידענט, אַ גרויסער גביר און נאָך גרעסערער עם הארץ, האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט דאַוונען ימים נוראים פאַרן עמוד. רופט זיך אָפּ דער שטענדיקער בעל תפילה, אַ איד אַן עני ואביון, צום פּרעזידענט:

— מר. פּרעזידענט, איר ווייסט אודאי אַז ס'זיינען פאַראַן דריי סאָרטן תפילות: תפילה למשה, תפילה לדוד און תפילה לעני. מילא די מידות פון משה און דוד, וועט איר דאָך מודה זיין אַז איר פאַרמאָגט ניט. בכן, בלייבט דאָך בלויז די תפילה לעני. איז פריער ווערט-זשע אַזאַ עני ואביון ווי איך בין, און דאַמאָלט וועט איר ראוי זיין צו דאַוונען ימים נוראים פאַרן עמוד.

אַליין הייסט בעטן

אַ איד קומט ראש השנה אין שול, און ברענגט מיט זיך אַ קישעלע. פרעגט אים דער שמש:

— ר' איד, איר זענט געקומען דאַוונען, צי שלאָפן?

— ווי הייסט? — מאַכט דער איד תמ'עוואַטע — בעת איר האָט מיר פאַרקויפט דעם טיקעט האָט איר דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז איך קאָן קומען און זיך דאָ אויס„בעטן" אַ גוט יאָר!

אַ צו טייערער ביסן

מ'האָט אַמאָל געפרעגט אַ היימישן משכיל פאַרוואָס ער גייט ניט צו תשליך. האָט ער, ווי דער שטייגער איז, אָפּגעענטפערט מיט אַ קעגן-פראַגע:

— וואָס זשע האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל מיינע עבירות וואָס האָבן מיך אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן נעמען און אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין?!

הונדערט

טוביה'ס טרייסט

טוביה דער צווייטער איז ערב ראש השנה אוועק צום גביר בעטן א גמילת חסד. פרעגט אים דער גביר:

— ר' טוביה, וואו וועט איר נעמען מיר אפצוצאלן?

ענטפערט טוביה:

— א לאָאן (הלון) בסתר, דער וואָס לייד א אידן א גמילת חסד און זאגט קיינעם ניט אוים, באַצאָלט (בצל) שדי, באצאלט אים דער אויבערשטער. . .

צעבראכנקייט פון א אידיש הארץ

א איד האָט אמאל מחלל שבת געוועזן בשוגג. ער איז גע-פארן אונטערוועגנס און צוליב דער שכרות פון גויעשן בעל עגלה איז ער אריינגעפארן א שעה אין דער נאכט. איז דער איד אוועקגעלאפן צו זיין רבי'ן, ר' מיכל זלאטשעווער, און געבעטן א תיקון. האָט דער רבי אים געהייסן א סך פאסטן, האבן גלגול שלג, זיצן ווינטער אין קאלטן וואסער, שלאפן אויף א הארטן שטיין, וכדומה.

דער איד האָט געפאלגט דעם רבי'ן, און געווארן א חלוש און מער ניט געקענט שטיין אויף די פיס. פארט דער איד צום בעל שם טוב, און דערציילט אים וועגן די גרויסע פייניגונגען וואס דער זלאטשעווער האָט אויף אים גוזר געווען. זאגט אים דער בעש"ט: קויף א ליטרע ליכט און גיב זיי אריין אין א שול אויף שבת. קויפט דער איד א ליטרע חלב'נע ליכט און לאזט זיי ליגן ביז ערב שבת. איז געקומען א הונט און די ליכט פאר-שלעפט, און דער איד האָט דערפון געהאט גרויס עגמת נפש. לויפט ער ווידעראמאל צום בעש"ט און דערציילט אים די מעשה. הייסט אים דער בעש"ט ווידעראמאל קויפן א ליטרע ליכט, און

לכבוד יום טוב

באפעלט אים אויך צו גיין צו זיין רבי'ן דעם זלאטשעווער און אים אנזאגן בפה מלא ער זאל קומען צופארן אויף שבת.

ר' מיכל זלאטשעווער האט דערהאלטן דעם באפעל, האט ער זיך באצייטנס אוועקגעלאזט צום בעש"ט אויף שבת. מאכט זיך אבער אז זיין פור פארשפעטיקט זיך, און מוז אריינגיין אין שטאדט פרייטיק שפעט פארנאכט. דער זלאטשעווער האט זיך געאיילט מיט אלע כחות אנצוקומען באצייטנס נעמען שלום ביים בעש"ט, אבער די כחות האבן אים ניט געסטייעט און ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש בעת דער בעל שם האט שוין גע-האלטן ביים קידוש.

אז דער בעל שם האט אים דערזען, האט ער אים געגעבן שלום און זיך אנגערופן: נו, ר' מיכל זלאטשעווער, איצטער וועט איר שוין וויסן ניט צו געבן אזא שווערן תיקון צו א אידן פאר מחלל שבת זיין בשוגג? א מענש וואס האט קיינמאל ניט טועם געווען דעם טעם חטא, קאן ניט דערפילן די צעבראכנקייט פון א אידיש הארץ וואס זוכט א תשובה. די צעבראכנקייט אליין איז שוין א גענוגנדיקע תשובה, און זיין חטא ווערט לגמרי אפ-געווישט.

נאפד נקמה סתרו יושר

דער הש"ית איז א בעל רחמים ווי ס'שטייט: ורחמיו על כל מעשיו. ער איז אבער אויך א נוקם ונוטר ווי דער פסוק זאגט: אל נוקם ה'. זאגט אונז דא דער פייטן: נאפד נקמה, אז דער רבונו של עולם טוט זיך אמאל אן די קליידער פון נקמה און איז זיך חלילה נוקם אין זיין פאלק ישראל, זאלסטו בן אדם ניט פרעגן קיין קשיות און ניט זיין א מהרהר אחרי מדותיו של הקדוש ברוך הוא, ווייל „סתרו יושר", טיף אין גאט'ס נקמה איז באהאלטן די מדה פון יושר.

הונדערט און צוויי

ראש השנה

ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת

ראש השנה און יום כפור זיינען לעולם טעג פון דין און משפט אזוי ווי ס'שטייט: מלך במשפט יעמיד ארץ. דער השם יתברך איז דאָך אָבער א בעל-רחמים, משפט ער זיין פאָלק ישראל מיט דער מדה פון חסד ווייל אויף משפט קען אמאָל זיין א קיטרוג חלילה אז עס איז ניט קיין משפט צדק, און דאָס מיינט דער פייטן „ויכון בחסד כסאך”, ווייל דו רבונו של עולם טוסט משפט'ן דיין פאָלק ישראל מיט דער מדה פון חסד, דערפאר „ותשב עליו באמת”, ווייל אויף דער מדה פון חסד האָט קיין שום שטן וקטרג קיין שליטה ניט..

(קדושת לוי. ר' לוי יצחק בערדיטשעווער).

ס'איז קיינמאָל ניט שפעט

צום אלטן גערער רבי'ן, דעם שפת אמת, איז אמאל אריינגעקומען א פארסאפעטער חסיד ערב ראש השנה שפעט פארנאכט און אויף זיך מתרעם געווען וואס ער איז געקומען אזוי שפעט. האָט דער רבי אים געטרייסט: דארפסט זיך ניט זארגן, ווארן אין איין איינציקער רגע קאָנסטו מיט אמתער תשובה מתקן זיין דאָס גאנצע יאָר.

אָפגערעכנט איז האלב באצאלט

דער לובלינער חוזה פלעגט זאגן: אויב א מענש דערקענט זיין ערך און גיט זיך אָפּ אן אמתן חשבון הנפש, איז ווי די וועלט זאָגט: „אפגערעכנט איז האלב באצאלט”. דער שכל איז, אז איינער פירט סחורה מחוץ למדינה איז אזוי גיך ווי די גרענעץ וועכטער לייגן דארויף ארויף דעם חותם המלכות, איז די

סחורה מער ניט קיין קאָנטראַבאַנד. אזוי איז אויך מיט דעם וואס דערקענט זיין מצב וערך באמת, ווערט דאמאלט אויף אים ארויפגעלייגט דער חותם המלך, ווארן חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת.

ווי אַזוי אַן עושר דאַרף דינען גאָט

א קאַרגער גביר האָט זיך אמאָל אוועקגעשטעלט יום-כפור ביינאַכט אין דער בריסקער שול און געזאָגט תהלים צוזאַמען מיט דעם עולם. איז צו אים צוגעגאנגען דער בריסקער גאון, ר״ יאָשע בער, און געזאָגט: ווען אַ זעלנער אנטלויפט פון דער אַר-מיי קומט אים מיתה. ווי איז אָבער, אז דער סאָלדאַט איז אַנט-לאָפען פון איין אָפטייל אין אַ צווייטער? לאָמיר זאָגן, אז ער האָט געדינט אין אַן אינפאַנטעריע רעגימענט און איז אַנטלאָפן צו דער קאַוואַלעריע, וואָס פאַר אַ שטראָף קומט אזא איינעם?״

איז דער גביר געבליבן פאַרוואונדערט און ניט געוואוסט וואָס דער בריסקער גאון פרעגט אים יום-כפור ביינאַכט אַזוינע פראַגעס.

— איך רעכן, — האָט ר׳ יאָשע בער אים ניט געלאָזן טראַכטן אז אַזאַ אַנטלאָפענעם קומט אַ גרויסע שטראָף, ווייל יעדער איינער דאַרף דינען דעם מלך אויף דעם אופן, ווי ער איז באַשטימט געוואָרן. דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז אידן. יע-דער איד דאַרף דינען גאָט לויט זיין שטייגער. דער גביר דאַרף געבן אַ סך צדקה, און דער אָרימאַן דאַרף זאָגן תהלים. דערפאַר איז א מנהג, אַז די אָרימעלייט זיינען אויף יום כפור ביינאַכט און זאָגן תהלים, כדי די גבירים וואס האָבן געגעבן ערב יום-כפור צדקה, זאָלן קענען אהיימגיין שלאָפען. דו אָבער, האָסט געטאָן פונקט פאַרקערט, בייטאָג האָסטו קיין צדקה נישט געגעבן און איצט ווילסטו דינען דעם אויבערשטן מיט זאָגן תהלים. דו

ביזט, הייסט עס, אנטלאָפן פון דיין רעגימענט, און וועסט פאַר-רעכנט ווערן פֿאַר אַ „בורח." דו מוזט געבן צדקה ווי מען האָט באַשטימט אין הימל, און מיט תהלים זאָגן וועסטו נישט אויס-קויפן דיינע זינד, דעם תהילים-זאגן לאָז צו די אַרימעלייט!

פני הדור כפני הכלב

א מנהיג דאַרף גיין פאַרויס און ווייזן דער מאסע אַ וועג. פאַראַן אבער פירער וואָס ווענדיק געפעלן דער מאסע, דרייען זיי זיך אום אין זייער מאַרשרוט פאַרויס, כדי צו דערשמעקן וואו דער שטראָם פון דער מאסע ציט. אַט דער איז אַ הונט וואָס לויפט שטענדיק פאַרן בעל הבית, כלומרשט ווי א וועגווייזער, אָבער אין דער אמתן לויפט ער נאָר דאָרט פאַרויס וואו ער דער-שמעקט אז זיין בעל הבית וויל גיין.

אויף אַזעלכע „פני" ווערט געזאָגט „פני הדור כפני הכלב".

וואָס טוט מען בעתן „כורעים פאלן"?

א ישובניק, וואָס איז געקומען אויף די ימים נוראים אין שטאָט אריין, האָט אמאָל געפרעגט א ישיבה בחור:

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואָס טוען די אידן בשעת זיי פאלן כורעים?

דער ישיבה בחור האָט אים אין שפּאַס דערקלערט, אז דא-מאָלט פאַרבייסן זיי מיט אַ שטיק „כפרה".

דער ישובניק איז אויף גיך אוועק אויף דער אכסניא, און מיטגענומען אין שול אריין א האלבן כפרה-האָן. ווען מען איז געפאלן „כורעים" האָט ער ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע דאָס פלייש און, ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער בסדר געאכלט.

לכבוד יום טוב

דער עולם איז שוין לאנג אויפגעשטאנען און דער ישובניק ליגט נאך אלץ. מיינט מען, עס איז אים אפשר ניט גוט געווארן און מען הויבט אים אויף. דא דערזעט מען, אז ער איז גאר עוסק בהלכות אכילה. ווערט א גוואלד אין שול:

— צי ווייסטו ניט, עם הארץ, אז היינט איז יום כפור?

צעבייזערט זיך דער ישובניק:

— וואס מיינט איר, שנעקעס, איך האב אזעלכע יונגע ציין ווי איר? ביי מיר מוז עס דויערן אביסל לענגער!...

ער מוז באצייטנס אויסרופן

רב אייזיק מאיר דיק, וואס איז געווען גבאי אין דער משכי-לישער שול אין ווילנע, האט איינמאל יום כפור נאך נעילה א קלאפ געטאן אין שולחן און אויסגערופן, אז איבעראיאר וועט מען זיך שטעלן דאווענען כל נדרי פונקט זעקס אזייגער פארנאכט.

ווען דער עולם האט אים א פארחידושטער איבערגעפרעגט, וואס באדייט זיין פריצייטיקער אויסרופן? — האט ער גע-ענטפערט:

אזוי ווי איך האב דא אויך מתפללים וואס קומען אהער דאווענען נאר פון איין יום כפור צום צווייטן, בין איך דאס זיי דערפאר מודיע, ווען מ'וועט זיך שטעלן דאווענען איבעראיאר כל-נדרי...

למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך

„למשפטיך עמדו היום" — פלעגט זאגן רבי לוי יצחק — דיינע אידן ווילן היינט מיט דיר, כביכול, א משפט, א דין תורה האבן, דען א גרויסע טענה האבן זיי צו דיר און א גערעכטע טענה. זייער טענה איז: „כי הכל עבדיך", אז די אלע צרות, וואס זיי לוידן, איז דאס אלץ דערפאר, ווייל זיי זיינען דיינע

ראש השנה

קנעכט, ווייל זיי זיינען אידן, וואָלטן זיי קיין אידן ניט געווען וואָלטן זיי דאָך ניט געווען אזויפיל געליטן... און קוים לײדן זיי צוליב דיר, איז דאָך ממילא מוטל אויף דיר, כביכול, דו זאָלסט זיי העלפן!

די וועלט פרעגט

די וועלט פרעגט: פארוואָס בלאָזט מען שופר? און דער ענט-פער איז: נאָך דעם שיינעם „קאָנצערט" וואָס דער חזן האָט אוועקגעלייגט ביים שחרית וואָלט מען אים גערארפט „אויספייפן" אָבער פייפן טאָר מען דאָך ניט אום יום-טוב — און נאָך אין א מקום-קדוש — בלאָזט מען אים כאָטש אויס.

והשנית, דאָס וויל מען ארײנכאפן דעם רבש"ע. דער רבש"ע וועט באַדאי אלעס אונטערשרייבן אינגיכן וואָס אידן בעטן ביי אים, אבי נאָר פּטור צו ווערן פון די גרילצנדיקע קולות פון שופר וואָס דערגרייכן עד לב השמים...

און דריטנס, ווען מ'בלאָזט ניט קיין שופר וואָלטן א סך אידן ניט געוואוסט אז עס איז ראש השנה אויף דער וועלט.

דריי ראש השנה'דיקע נסים

דריי נסים, זאגט די וועלט, זיינען געשען אין ראש השנה: איין נס איז געשען דעם רבונו של עולם, א צווייטער — די אידן, און דער דריטער — דעם שטן.

דעם רבונו של עולם איז געשען א נס, וואס מ'האט יצחק'ן ניט געשאכטן אויף דער עקידה, ווארן מה-דאָך, אז מ'האט אים בלויז געפירט צו דער עקידה, האלטן אידן אין איין מאנען ביי גאט: זכור לנו עקדת יצחק און ותראה לפניך עקדה, ווי זשע וואלט שוין געווען אז מ'וואלט אים חלילה טאקע געשאכטן, דא-

מאלט וואלט דאך דער רבונו של עולם זיך קיינמאל ניט געקענט אויסקויפן!

די אידן איז געשען א נס, וואס מ׳האט זיי באפוילן צו זאגן זיבן מאל דאס קליינע קאפיטל תהילים „למנצח לבני קורח״. וואס א שטייגער וואלטן זיי געטאן ווען מ׳הייסט זיי זאגן זיבן מאל דעם אשרי תמימי דרך?

דעם שטן איז געשען א נס, וואס מ׳בלאזט שופר פון דער שמאלער זייט, קאן ער אנטלויפן דורך דער ברייטער. וואס א שטייגער וואלט ער געטאן ווען מ׳בלאזט דורך דער ברייטער זייט? אים וואלט דאך פשוט אויסגעקומען דערשטיקט צו ווערן ביים אנטלויפן דורך דער שמאלער זייט.

אן אורח וואס בלאזט זיך

צו ר׳ יצחק אלחנן, וועלכער איז בטבע געווען א גרויסער מכנים אורח, איז אמאל געקומען א קליינשטעטדטלטיקער רב א בעל גאוה וואס האט כסדר געבלאזן פון זיך. האט עס ר׳ יצחק אלחנן תיכף באמערקט, און אים ניט ארויסגעוויזן קיין התקרבות. דעם רב האט עס שטארק פאורדראסן, און געהאט טענות און תרעומות. האט ר׳ יצחק אלחנן אים דארויף געענט־פערט:

כידוע, איז שבת קודש א גרויסער מכנים אורח און טיילט צו א סך כבוד צו זיינע געסט. פאלט אוים א ראש חודש אין שבת, גיט אים דער שבת אפ אן ארט פאר יעלה ויבוא. איז דער גאסט א גרעסערער חשוב, ווי למשל א יום טוב, איינער פון די שלש רגלים, גיט אים דער שבת אוועק דעם גרעסטן טייל פון דער שמונה עשרה. איז דער גאסט נאך מערער חשוב, ווי למשל, יום כפור, גיט אים דער שבת אוועק דעם גאנצן תענוג זיינעם — די אכילה ושתיה. אנדערש איז אבער מיטן שופר, אים וויל ער

ראש השנה

באין אופן ניט אפטרעטן קיין ארט, טיילט אים ניט צו קיין כבוד און איז אים אפילו ניט מקרב. פארוואס זשע איז עס אזוי? פארוואס בלאזט מען ניט קיין שופר ראש השנה שחל להיות בשבת? איז דער תירוץ: שבת איז טאקע נוהג בכבוד יעדן גאסט, אבער ניט אזוינעם וואס בלאזט פון זיך. . .

עפּעס מתקן צו זיין

איינמאָל, אין א ראש חודש אלול, איז ר׳ לוי יצחק געשטא־נען ביי זיך אין הויז און געקוקט דורכן פענסטער, איז פאַרביי־געגאנגען א גוי, וואָס פאַרריכט שיך און ביי אים געפרעגט, צי ער האָט עפּעס צו פאַרריכטן. באַלד האָט זיך דער צדיק אָני־דערגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן יאָמערן מיט אַ גרויס געוויין:

— ווי איז צו מיר און ווי איז צו מיין לעבן! דער יום־הדין קומט שוין באַלד אָן און איך האָב זיך אַליין נאָך גאָר ניט מתקן געווען.

א ווייטער קרוב...

געווען א קארגער גביר, פלעגט ער איינמאָל אין יאָר גיבן צדקה נאָר צו קרובים, כדי צו מקיים זיין דעם פּסוק „מבשרך אל תתעלם" — פון אַנ׳אייגענעם זאָלסטו זיך ניט דערווייטערן (פאַרהוילן).

איינמאָל איז צו אים געקומען א קרוב פון אַנ׳אַנדער שטאָט און זיך געמאָלדן מיט זיין בקשה חתונה צו מאכן א טאָכטער. טוט דער קארגער גביר א רעכן אוים די משפּחה, און מאכט צום אָרימאַן: „עט, צו א ווייטער קרוב!"

געקומען צו סליחות אין שול אריין, שטייט דער אָרימאַן און הערט ווי דער גביר שרייט אין דער הויך אויף א קול: „אוי,

לכבוד יום טוב

גאָטעניו, פאָטער, זכור ברית אברהם..." טוט אים דער אָרימאַן א טאָרקע: „עט, הלמאי זאָלט איר שרייען? צו א ווייטער קרוב!"...

צווייערליי תקיעות

כידוע, בלאָזט מען ניט קיין שופר בשבת, ווייל אזוי האבן די חכמים גוזר געווען.

דער סאַנזער רב האָט דארויף געזאָגט: ס'איז פאַראַן צוויי־ערליי תקיעות: בנגלה און בסתר. תקעו בחודש שופר, אז ראש השנה געפאַלט אין א וואָכנדיקן טאָג זאָלט איר בלאָזן שופר בנגלה; געפאַלט אָבער ראש השנה אין א שבת'דיקן טאָג, זאָלט איר בלאָזן שופר „בכסה", וואָס מיינט: באַהאַלטן.

אז ראש השנה געפאַלט אין א שבת

די משנה אין מסכת ראש השנה הויבט זיך אָן: יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת. טייטשט די וועלט: אז ראש השנה געפאַלט אין א שבת, איז דאַמאָלט אַן אמתער יום טוב מחמת מ'איז פּטור פון שופר־בלאָזן.

דער זעלבער מחזור

ס'ווערט דערציילט, אז פאַר ראש השנה איז אַמאָל געקומען א געוויסער בעל־הבית צום נאַדוואָרנער צדיק, ר' מרדכי ז"ל, און פאַרבראַכט ביי אים עטליכע שעה. ווען דער בעל הבית האָט זיך אויפגעהויבן צו פאַרלאָזן דאָס הויז, פרעגט ביי אים דער צדיק:

— וואָס איילסטו זיך אזוי?

ענטפערט ער אים:

צו מסדר זיין מיינע תפילות.

הונדערט און צען

ראש השנה

זאגט צו אים דער צדיק:

— דער מחזור איז דער זעלבער וואָס פאראיאָרן, בעסער זאָלסטו אריינקוקן אין דיינע אייגענע מעשים און זיך אליין מסדר זיין.

רבונו של עולם, גיב געלט!

א חזן אן עם הארץ האָט זיך נעבאך געמאטערט מיט דער שווערער עברי, און באין אופן ניט געקענט ארויסזאגן אכו ואכו בטעם מטכסים אדער בפצה מפצחים. האָט זיך דער רב צו אים צוגעבויגן, און איינגערוימט אין אויער:

— וואס טויגן דיר די שווערע ווערטער, זאג בעסער פראסט פשוט: רבונו של עולם, גיב געלט!

א „דו" קאָן ניט ווערן קיין ראש

דער כלל איז, אז „לא אד"ו ראש השנה" — דער ערשטער טאג ראש השנה קאָן ניט זיין זונטיק, מיטוואָך און פרייטיק. טייטשט די וועלט: לא א דו ראש — א מענש מיט וועמען מ'איז אויף „דו", קאָן ניט זיין קיין פירער.

אן אפמאך מיטן שטן

אין דער גרויסער שעדלעצער שול האָט אמאל פאסירט, אז דער שטענדיקער בעל תוקע, זער אן אפגעהיטענער איד, האָט באין אופן ניט געקענט ארויסברענגען דעם תרועה. האָט מען זאין ברירה דערלויבט א אידן א קל במצוות ווערן בעל תוקע, און ער האָט געבלאָזן אָן וועלכער שטערונג. די מתפללים האבן עס געהאלטן פאר א פלא'דיקע זאך, און געפרעגט וועגן דעם ביים רב.

לכבוד יום טוב

האָט דער רב, ר׳ ברוך מרדכי, זיי געענטפערט:

— דער ענין איז גארניט אזוי שווער צו פארשטיין. אז דער בעל תוקע איז א פרומער איד וואס פאלגט קיינמאל ניט דעם יצר הרע, איז דער שטן ראש השנה מקטרג. דו פאלגסט מיך ניט דעם גאנצן יאָר — טענה'עט צו אים דער שטן — וועל איך דיך ניט פאלגן ראש השנה. איז אבער דער בעל תוקע א קל במצוות און איז גאנץ אפט עובר אויף עבירות, האָט דער שטן מיט אים אן אפמאך: דו פאלג מיך דעם גאנצן יאָר, וועל איך דיך פאלגן ראש השנה און לאזן די תקיעות דורכגיין גלאטיק און מחיה'דיק.

אויפן קאלטן בלאזט מען ניט

דער רבי ר׳ בונעם האָט באפוילן דעם בעל תוקע זיך טובל זיין פאר די תקיעות. איז אבער דער טאג געווען א קאלטער, און דער בעל תוקע האָט מורא געהאט פאר פארקילונג. האָט דער רבי אים געזאגט: האסט רעכט, מיין קינד, אויפן קאלטן בלאזט מען ניט!

הונדערט און צוועלף

יום כפור

יום כפור

אויסגענארט א מחילה

דער רבי ר׳ אלימלך האט איינמאל אום יום כפור, בשעת דער הויכער שמונה-עשרה, נאכן אויסלאזן די ברכה: ברוך אתה ה׳ מלך מוחל לעונותינו... זיך צעטאנצט אין בית המדרש מיט א שמחה פון נצחון, גלייך ער זאל דא האבן געוואונען א מלחמה.

מוצאי יום כפור נאך הבדלה האט ר׳ אלימלך דערציילט די סיבה פון זיין פלוצלונגדיקן טאנץ:

— איך געדענק פון מיין קינדהייט אזא מעשה: מיין טאטע צוריקקומענדיק אמאל פון זיינער א נסיעה, האט מיטגעבראכט א זעלטענע פרי, וועלכע ער האט געוואלט באהאלטן אויף ראש השנה. אזוי ווי איך האב אבער דאמאלט שטארק חשק געהאט טועם צו זיין פון אט דער זעלטענער פרי, בין איך געפאלן אויף אזא המצאה: איך האב אויפן ארט געמאכט א ברכה מיט א שהחיינו צוזאמען... און אזוי ווי דער טאטע האט מורא געהאט פאר דער ברכה לבטלה, האט ער בעל כרחו געמוזט מיר געבן טועם זיין פון דער פרי...

דעם היינטיקן יום כפור בין איך, זאלט איר וויסן רבותי, שטארק מסופק געווען, צי דער רבש״ע וועט אונדז מוחל זיין אלע עונות און דערפאר בין איך געווען שטארק פארזארגט.

נאכן אויסלאזן די ברכה „מלך מוחל סולח״ האב איך זיך דערמאנט אין יענער פאסירונג און כ׳האב מיר געטראכט: מח דאך מיין פאטער ז״ל האט מורא פאר א ברכה לבטלה, מיר צו-ליב געטאן וואס איך האב געוואלט, וועט דאך אונדזער פאטער אין הימל אודאי און אודאי אונז מוחל זיין, אוים מורא פאר דער ברכה לבטלה... דערפאר האב איך מיך היינט אזוי צעטאנצט!

געלט אויף כפּרות

דער קאָזעניצער רבי, ר׳ משהלע, האָט אין דער נאַכט פון „שלש עשרה מדות" געהייסן די קינדער אַריינגיין צו דער מאַמע פרעגן צי זי דאַרף געלט אויף כפּרות.

ווען די קינדער זיינען צוריקגעקומען מיט דעם ענטפער: „די מאַמע דאַרף געלט!" האָט דער רבי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו די אַרומיקע חסידים:

— זעט, אַז די רביצן ווייס, אַז מען דאַרף געלט אויף כפּרות. . .

על צדקותינו אנחנו מתפללים

דער דובנער מגיד פלעגט טייטשן: כי לא על צדקותינו אנחנו מפּילים, אויף אַלץ אין דער וועלט זיינען מיר מתפּלל צום רבונו של עולם, אַ חוץ „על צדקתינו", אַ חוץ אויף צדקות. אויף דעם איז קיינער ניט מתפּלל. . .

על חטא אויף דייטש

דעם באָוואָוסטן רבי, ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, איז אַמאָל אויסגעקומען צו דאַווענען יום כפּור אין אַ דייטשער סינאַגאָגע. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גלאַט-ראַזירטער דייטש און כמעט ניט אויפגעמאַכט דאָס מויל. בשעת זאָגן „על חטא" האָט דער רבי געהאַלטן אין איין קוקן אויפן דייטשס פּנים.

— וואָס באַשויען זיי מיך אַזוי? — האָט דער דייטש בייז געפרעגט.

ר׳ נפתלי האָט אים געענטפערט:

— אַ איד, כידוע, ווען ער ווייס ניט קיין פּשט אין עברי, קוקט ער אַריין אין דייטש (טייטש). דערפאַר ווען איך האָב זיך

איצט פארפלאנטערט אין פשט פון די על-חטא'ס, האָב איך זיך איינגעקוקט אין איך, און כ'מוז מודה זיין, אז אזוי ארום האָב איך באמת אָנגעהויבן צו פארשטיין די באדייטונג פון די על-חטאס. . .

די ערב יום כפור'דיקע סעודה

דער גירער רבי, ר' יצחק מאיר, האָט געזאגט: א חסידישע סעודה איז ווי א מתנגדישער תענית. דער ענין פון תענית איז, אז דורכן פאסטן זאָל מען ווערן א מפשפש במעשים און תשובה טאָן. איז אבער דער פאסטן שוין געווארן א רגילות, און ס'דער-פירט מער ניט צו תשובה. האָבן חסידים דאריבער געשאפן א נייעם דרך, דער דרך פון מתחבר זיין זיך ביי א סעודה און דער-וועקן אין זיך יראת שמים. די סעודה האָט דאריבער די ווירקונג פון א דאפלטן תענית, און טאקע דערפאר איז כל האוכל ושותה בתשיעי כאלו מתענה תשיעי ועשירי — דערפאר טאקע איז א מצוה צו עסן און טרינקען ערב יום כפור, וואס איז גלייך ווי פאסטן ביידע טעג, ערב יום כפור או יום כפור.

אם לא עכשיו

ערב יום כפור פאר כל נדרי, פלעגט דער בעלזער צדיק, רבי שלום, זיך אוועקשטעלן אויף דער בימה און אויסשרייען בקול רם: „שלשה דברים צריך אדם לאמר ערב שבת עם חשיכה — עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר!"... „ערב שבת עם חשיכה"— דאָס מיינט מען ערב יום כפור פארנאכט, דאמאָלט איז שוין דער לעצטער זמן, די לעצטע מינוט, און יעדער איד דארף דעריבער דערציטערט ווערן און זיך דערמאָנען אז „עשרתם" ס'איז היינט דער צענטער טאג, דרע הייליקער יום כפור, דער לעצטער טאג אין יאָר צו טאָן תשובה „ערבתם!" — ס'איז שוין פאראיבער

לכבוד יום טוב

דער ערב יום כפור. „הדליקו את הנר!“ — עס ברענען שוין די יום כפור ליכט. . . אויף ווען זשע ווארטן מיר מיט אונדזער תשובה טאָן? אויף וואָס זשע ווארטן מיר?.. ווײ, ווײ! אם לא עכשיו — אימתי?..

יום כיפור כפורים

דער זהר הקדוש זאגט, אז יום כפור איז געגליכן צו פורים. איז דאָך די קשיה: מיט וואָס און ווי אזוי?

איז דער תירוץ: די אידישע ימים טובים זיינען געגעבן גע־וואָרן לששון ולשמחה, צו זיין פריילעך און האָבן גרויס פארגע־ניגן. איז אבער די שמחה קיינמאָל ניט פולשטענדיק, ווארן יע־דער יום טוב איז פארבונדן מיט גרויס זארג און אומאנגענעמ־לעכקייטן. פסח דארף מען זיין זהיר ונזהר משום חשש חמץ; שבועות דארף מען זיין נזהר בתרי״ג מצוות; סוכות זיצט מען אין קעלט. די איינציקע טעג וואָס זיינען שלמות׳דיק, זיינען פורים און יום כפור: פורים איז א שמחה שלמה פארן גוף, און מ׳האט גרויס הנאה; יום כפור איז א שמחה שלמה פאר דער נשמה, און די הנאה איז ווידערמאָל גרויס.

בשר בחלב

יום כפור האָט זיך שמערל שניטקעוועו ארויסגערוקט שטי־לינקערהייט פון שול, אוועק אהיים און געמאכט א חורבן פון די עטלעכע הינערשע פאָלקעס וואָס זיין ווייב האָט צוגעגרייט צום אָפּפאסטן.

עמיצער האָט עס באמערקט און דערציילט די מעשה שמערלס ווייב. איז זי געקומען צולויפן מיט א רציחה:

— משומד! עוכר ישראל! דו ביסט משוגע געוואָרן?

— וואָס איז געשען? — פרעגט איר שמערל תמעוואטע.

הונדערט און אכטצן

יום כפור

— אום יום כפור פרעסן? — שרייט די אידענע, — אז צע-פרעסן זאָלן ווערן אַלע מיינע שונאים, רבונו של עולם!

— געגעסן? וואָס האָב איך געגעסן? — פרעגט ער ווידער תמעוואטע.

— האָסט דאָך אויפגעפרעסן דעם גאנצן עוף וואָס איך האָב צוגעגרייט פאר פארפאסטן זיך?

— שקר וכזב! — שרייט אוים שמערל און נעמט ארויס א שטיקל קעז פון קעשענע, גיט א ביס און פרעגט — זאָג אליין, ווען איך עס עוף וואָלט איך איצט געמעגט עסן קעז? . . .

פאַסטן נאכן טוידט

ערב יום כפור איז ראובן-אשר ברוידעס קראנק געוואָרן און געווען אין א געפערלעכן צושטאנד. האָט ער זיך זייער שטארק צעוויינט. פרעגן אים זיינע פריינד וועלכע זיינען אים געקומען באזוכן:

— ברוידעס, וואס וויינסטו? דו שרעקסט זיך פארן יום הדין?

— חס ושלום, — ענטפערט ברוידעס, — איך זאָל מורא האָבן פארן יום הדין? פארקערט, כ'האָב מורא טאָמער שטארב איך היינט, וועט דאָך מיר אויסקומען פאסטן יום כפור — א זאך וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געטאָן. . .

אל תעצבו

חסידים האלטן אז עצבות קאָן ברענגען צו א גרעסערן מכשול ווי אן עבירה. עצבות דערפירט צו יאוש, און אין יאוש איז אלץ פארלארן. רבי נחמן בראסלאווער פלעגט דאריבער תמיד שרייען: געוואלט, אידן, זייט אייך ניט מייאש! אן אנדער רבי פלעגט זאגן: איידער מיר זאָלן זיך זארגן פארן מארגן, לאמיר בעסער פארריכטן דעם היינט. עצבות און יאוש פירן

דעם מענשן אראפּ פון דרך החיים, און אָט דערפאר זאגט דער נביא: אל תעצבו כי חדות ד׳ הוא מעוזכם. איז אפילו יום כפור טאָר מען אויך ניט פילן קיין עצבות און אודאי זיך ניט מיאש זיין, ווארן ס׳איז שוין גאר נאענט צום זמן שמחתנו.

צו פרי מקנא געווען

מוצאי יום כפור, ווען דער עולם איז ארוים פון שול איז אויסגעקומען דעם רב צו גיין אהיים צוזאמען מיטן אפיקורס פון שטעטל וואָס גראד דעם יום כפור האָט ער א גאנצן טאָג גע-דאוונט אין שול מיט קהל.

— איך בין דיר מקנא. — זאגט דער רב צום אפיקורס, — וואָס אלע דיינע חטאים זיינען היינט פאר דיר געוואָרן זכיות (אמר ריש לקיש: גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות, יומא פו, ב).

— רבי, ווארט בעסער ביז איבעראיאָר, אם ירצה השם, — ענטפערט דער אפיקורס, — וועט איר מיר דארפן מער מקנא זיין. . .

פארוואס ער האָט ניט געבענשט

א איד קומט צום רב און בעט א תשובה אויף זיינע זינד: ער האט ניט געבענשט נאָכ׳ן עסען. ווי קומט עס, וויל דער רב וויסען, אז אַן ערליכער איד זאָל ניט בענשן נאָכ׳ן עסען? פאר-ענטפערט זיך דער איד, אַז ער האָט ניט געמאכט קיין ברכה אויפ׳ן עסען. נו, ווי בענשט מען, אז מען האָט פריהער קיין ברכה ניט געמאַכט?

דער רב איז אויסער זיך. ס׳טייטש, ווי עסט עס א איד אָהן א ברכה? און דער איד פאַרענטפערט זיך:

— פארשטעהט איר מיך, רבי, ס׳איז געווען טרפות... איז,

הונדערט און צוואנציק

יום כפור

זאָגט אליין רבי, ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף טרפות?

— דו טרייפעניאַק! — שפּרינגט דער רב אויף, — טרפות האָסטו געגעסען? טפו זאָלסטו ווערען!

אָבער דער איד פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט זיך, נעבאַך, ניט געקאָנט העלפען, ווייל ס'איז געווען אין אַ גוי'אישען רעסטאָראַן און דאָרט איז נישטאָ קיין כשר עסען.

— אין אַ גוי'אישען רעסטאָראַן? — ווערט דער רב אַ פאַר־ציטערטער.

אָבער דער איד פאַרענטפערט זיך תמימות'דיג:

— וואס האָב איך זיך געקאָנט העלפען, הייליגער רבי? ס'איז געווען יום־כפור אלע אלע אידישע רעסטאָראַנען זיינען געווען פאַרמאַכט....

לאַלתר — לחיים

פאַרוואָס איז ביי חסידים אַ מנהג צו כאַפּן זיך מוצאי יום־כפור, טאַקע באַלד נאָך מעריב, צום גלעזל י"ש?

ווייל זיי האַלטן זיך אלע פאַר צדיקים וואָס לאלתר (טאַקע תיכף ומיד) לחיים. . .

אפּיקורסישע קנאה

מ'האָט דערציילט אויף אַן אפּיקורס אַז פּלוצים האָט ער חוזר בתשובה געווען און יום־כפור האָט ער שטאַרק מתפלל גע־ווען און האָט זיך מסגף געווען מיט סגופים.

האָט דאָס דערהערט אַ צווייטער אפּיקורס און באַמערקט:

— אוי, בין איך אים מקנא!

— אויב דו ביסט אים מקנא, פאַרוואָס זשע טוסטו אויך ניט אַזוי? — פרעגט מען אים.

— ניט פאַר זיינע תפילות און סגופים בין איך אים מקנא,

— האָט ער געענטפערט, — נאָר דערפון פארשטיי איך וויפל גרויסע עבירות ער האָט דורכן יאָר געטאָן און דאָס בין איך אים מקנא. . .

א געבעט אויף יום כפור

דער רבי ר׳ יעקב יצחק איז געווען א זייער געזונטער מענטש און צו פאסטן א טאג איז ביי אים געווען א קלייניקייט. יעדעס יאָר פאר כל נדרי האָט ער זיך צעוויינט און מתפלל געווען:

— רבונו של עולם, פארוואָס זאָל איך זיין אויסגענומען פון אלע אידן? אלע אידן, וואָס פאסטן אום יום כפור ווערן געפיי-ניקט דורך הונגער און דורשט, אזוי אז זיי שפירן דעם אמתן „ענוי״ פון „צום״. און נאָר מיך, דיין קנעכט יעקב יצחק ארט דער גאנצער תענית ווי דער פאראיאָריקער שניי: ניט עס הונ-גערט מיך און ניט עס דורשט מיך און דערפאר בין איך ניט מקיים דיין הייליקע מצוה פון „ועניתם״. . .

רבונו של עולם, כ׳האָב צו דיר איצט נאָר איין בקשה, אז דו זאָלסט מיר צושיקן א גאנצן יום-כפור א שרעקלעכן הונגער און דורשט וואָס זאָלן מיך פייניקן ווי אלע אנדערע אידן, כדי איך זאָל אויך פילן דעם אמתן תענית!...

דער אלף־בית פון זינד

ר׳ יצחק מאיר, דער „חדושי הרים״. פלעגט זאָגן: צוליב וואָס האָט מען מסדר געווען די „על חטאס״ לויטן סדר פון אלף בית? דער תירוץ איז, ווען ניט לויטן אלף בית וואָלטן מיר ניט געוואוסט וואו אָפּצושטעלן זיך, וואָרים צו אונדזערע זינד איז גאָר קיין ברעג ניטאָ. . .

אן אנדער נוסח זאָגט, אז צוליב דעם איז דער על חטא לויטן סדר פון אלף בית כדי ארויסצוהעלפן די חוטאים. וויל איינער זינדיקן און וויים ניט ווי, גיט ער אן עפן דעם סידור אָדער מחזור און קוקט אריין אין על חטא שחטאנו וויים ער שוין...

סלחתי זאָגן

דער קאָזשעניצער מגיד, וואָס איז געווען כל ימיו א גרויסער חלוש, האָט זיך אמאל געווענדט בשעתן דאוונען יום-כפור צום רבש"ע מיט די ווערטער:

— זע נאָר, גאָטעניו, ווי שוואך און קראנק איך בין, און דאָך נעם איך זיך אונטער מתפלל זיין פאר דיר היינט אזא גרוים און לאנג דאווגען און דו, וואָס דו ביסט א כל יכול, וועסטו דען ניט קאָנען זאָגן דאָס איינע וואָרט סלחתי?...

אל תשליכנו לעת זקנה

פאראן מענשען, וואס אויב זיי קומען נאָר אביסל אין די עלטערע יאָרן ווערן זיי גלייך אָפּגעלאָזן און גלייכגילטיק צו אלעם און אלעמען. אפילו זייער לערנען און דאווגען איז קאלט און מיט עצבות. בעטען מיר ביי השי"ת „אל תשליכנו לעת זקנה" ווארף ניט אָן אויף אונז קיין עלטער, און כל זמן שהנשמה בקרבי, גיב אונז דעם כוח, פרייד און ברען צו עבודת השי"ת.

(מפי השמועה פון אלטען קאָצקער ז"ל).

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם — לפני ה' תטהרו

יום כפור איז א טאג וואס השי"ת איז מכפר זיין פאָלק ישראל אלע עוונות, חטאים ופשעים. קאָן דאָך אָבער א מענש טראכטן, אויב אזוי קאָן איך דאָך זינדיקן און יום כפור וועט מיר השי"ת מוחל זיין, אויף דעם זאָגן די חז"ל „האומר אחטא ויו"הכ מכפר אין יו"הכ מכפר". (משנה יומא דף פ"ה ע"ב). און דאָס איז די כוונה פון פסוק „כי ביום הזה יכפר עליכם" אין דעם טאָג וועט השי"ת אייך מוחל זיין אלע עוונות, נאָר

לכבוד יום טוב

בפירוש מיט דעם תנאי אז „לפני ה׳ תטהרו״ אז איר זאָלט תשובה טאָן און אָפּרייניקן זיך פון אייערע עבירות און פון אלעם שלעכטן.
(דברים ככתבם פון הרב גרויבארט ז״ל).

אך אם יום או יומים יעמוד לא יוקם כי כספו הוא (שמות כ״א, כ״ב)

הגאון אוזילאי, ז״ל, האָט געטייטשט: אויב א איד קומט אין שול בלויז יום כפור (יום) אדער אפילו אויך ראש השנה (יומים), איז אלץ לא יוקם — וועט אלץ ביי אזעלכן דאָס אידישקייט ניט האָבן קיין קיום, כי כספו הוא — אזוינער האָט בלויז אין זינען זיין געלט, זיך אויסצובעטן פרנסה בריוח.

אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה

יום כפור איז א טאָג פון תשובה. מיינען דער רוב מענשען, אז תשובה טאָן מיינט קלאָפּן זיך אין הארצן, וויינען, קלאָגן, זיין צובראָכן, זיין מרה שחורה׳דיק און פול מיט עצבות, אָבער דאָס איז א גרויסער טעות, ווייל עצבות איז זייער א שלעכטע מידה. אין השכינה שורה לא מתוך עצבות אלא מתוך שמחה (שבת ל׳ ע״ב).

תשובה מיינט: א גרויסע נשמה-רעוואָלוציע, ערנסט מפשפש במעשיו זיין, טיף-נשמה׳דיק ארייננטראכטן זאיך זיך ביז קומען צו דער איבערצייגונג, אז צו גלויבן אין השי״ת און מקיים זיין די מצוות פון דער תורה איז א גרויסע שמחה.

תשובה מיינט קומען צום טיפען באוואוסטזיין, אז אלע תענוגי-עולם-הזה הויבן זיך נים אָן קעגן דעם גרויסן תענוג ווען א איד באהעפט זיך מיט זיין פארגאנגענהייט, מיט זיין פאָלק,

הונדערט פיר און צוואנציק

מיט זיין שפראך, מיט זיין תורה און מיט זיין גאָט „עבדו את ה׳ בשמחה, גאָט דיענען איז א פרייד און דאָס איז תשובה״ און דאָס מיינט „יום כפור״.

(„דברי שמואל״ פון רבין ר׳ שמעלקע)

מה לך נרדם קום קרא אל אלוקיך

די געשיכטע פון יונה איז סימבאָליש. די קורצע צייט פון אונזער לעבן לויפט מיט א שנעלקייט פון שטורמווינט און אין יעדע רגע איז אונזער שיף אין א סכנה פון אונטערגאנג. און דער מענש שלאָפט, פארברענגט די צייט מיט נארישקייט. יעדי טאָג גייט דאריבער ארויס א בת קול פון הר-חורב און שרייט: מה לך נרדם? וואָס שלאָפסטו בן אדם? קום קרא אל אלוקיך, הויב אויף דיינע אויגען צום השם יתברך.

(„דברים ככתבם״, רב גרויבארט ז״ל).

אן אפשניט פון א פשוט'ן אידן

ווענען ראָפּשיצער רבי׳ן ווערט דערציילט, אז ער האָט אמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים, אז איינמאָל האָט אים א פּראָסטער איד מנצח געווען. דאס איז געווען דאמאלט ווען דער רבי איז נאָך גאָר א יונגערמאן געווען און האָט ערשט אנגעהויבן צו פאָרן צום לובלינער רבי׳ן. ווי דער סדר פון ראָפּשיצער רבי׳ן איז געווען, האָט ער ליב געהאט צו זאָגן א ווערטל ביי יעדער געלעגנהייט. האָט ער איינמאָל געזען ווי שמחת תורה ביינאכט האָט זיך א פשוט'ער איד, א גאנץ נישקשה'דיקער עם-הארץ, געפרייט מיט דער תורה, איז ער צו אים צוגעגאנגען און האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר די שמחה אזוי גרויס? אזוי פיל תורה האָסט דו דאס געלערנט היינטיקס יאָר, וואָס דו פרייסט זיך מיט איר אזוי שטאַרק?

לכבוד יום טוב

האָט אים דער איד געענטפערט:

— ר׳ איד, אז מיין ברודער מאכט אַ שמחה, דאַרף איך מיך נישט פרייען?...

לויט אַן אנדער נוסח איז דער שמועס אזוי געווען:

דער ראָפּשיצער רבי האָט געפרעגט דעם אידן:

— וואָס איז מיט דיר די שמחה, ר׳ איד? איך לערן און דו ביזט זיך משמח?

דערויף האָט אים דער איד געענטפערט:

— הלמאי ערב יום כיפור בין איך זיך מתוודה און זאָג: „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד", וואס פאר א שייכות האָט צו מיר דער דאָזיקער חטא? בין איך דען א רב, וואָס איך נעם שוחד? אלא וואָס דען, „כל ישראל ערבים זה לזה", איין איד איז ערב פאר׳ן צווייטען, איז אויב איך בין א שותף צו אייערע חטאים, מעג איך דאָך אויך זיין אַ שטיקל שותף צו אייער תורה־לערנען?...

דער ראָפּשיצער רבי האָט שטארק הנאה געהאַט פון דעם דאָזיקן ענטפער, און ער האָט תמיד דערציילט זיינע חסידים, ווי אזוי ער האָט געקראָגן אַן אָפּשניט פון א פשוט׳ען איד...

אבל אנחנו ואבותינו חטאנו

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, מיר זאָלן זיך אוועקשטעלן און שרייען, אז אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט„ אדרבא, נעדארפט וואָלטן מיר דאָך דערמאָנען דעם זכות פון אונדזערע עלטערן?.. נאָר עס איז באקאנט די קשיא פון של"ה, וועלכער פרעגט אויפן פסוק: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור", ווי קומט דער דאָזיקער פסוק אינמיטן דער תוכחה, צווישן די קללות און שטראָף רייד? דאָס איז דאָך גאָר, פארקערט, א לימוד־זכות? נאָר דער אמת

איז, ענטפערט דערויף דער של"ה אז אויך דאָס געהערט צו דער תוכחה און אויך דאָס איז אַ גרויסער קטרוג אויף אידן, מחמת ס'איז ניט שיין אז ס'גייט ארוים לתרבות רעה אזוינער וואס שטאמט פון א יחוסדיקער פאמיליע, וואס זיין זיידע איז געווען יעקב, זיין עלטער-זיידע — יצחק אא"וו.

בכן, אז מיר שטעלן זיך אוועק יום כפור מתנצל זיין פאר אונדזערע חטאים, זאָגן מיר: אמת טאקע, מיר האָבן געזינדיקט. „אבל אנחנו ואבותינו חטאנו", אבער אויך אונדזערע עלטערן זיינען ניט געווען ריין פון זינד, א סך חטאים זיינען צו אונדז איבערגעגאנגען בירושה און דעריבער איז **אונזער שולד ניט אזוי** גרוים....

אמרי חן פון ר' נחמן בראצלאווער

יום-כפור אנטהאלט אין זיך עטוואָס פון עולם-הבא, ווייל עס איז אַ טאָג נישט פון עסן, נישט פון טרינקען און וואָס איז כולל אין זיך די תשובה, וואס מיר טוען („ברית אברהם" און „שמע שלמה", אין נאָמען פון ר' שלמה קארלינער).

יום-כפור קען קיינמאָל ניט אויספאַלן נישט זונטיק, נישט דינסטיק, נישט פרייטיק, נייערט מאנטק, מיטוואָך, דאָנערשטיק און שבת קודש.

האָט וועגן דעם געשריבן ר' יצחק אייזיק פון קארעץ, מחבר פון „ברית כהונת עולם".

מיר האָבן געלערנט אין מסכת כלים: אין דעם וואָס איז באַשאַפן זונטיק, איז פאראן טומאה, אין דעם באשאפענעם מאָנ-טיק איז קיין טומאה נישט פאראן: אין דאָס דינסטאקדיקע איז יאָ חל טומאה: איז דאָס באַשאַפענע מיטוואָך און דאָנערשטיק איז קיין טומאה נישטאָ און אויף אלץ, וואָס איז באשאפן דעם זעקסטן טאָג, פרייטיק, איז חל טומאה.

לכבוד יום טוב

— ווי אזוי איז עס?

דעם ערשטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן די ערד און דאָס וואַסער: און ערדענע זאַכען און כלים, ווי אויך פליסיגקייטן זענען מקבל טומאה. מאָנטיק איז באַשאַפן געוואָרן דער הימל און אין אים איז קיין טומאה נישטאָ.

דינסטיק זענען באַשאַפן געוואָרן בוימער און קרייטעכצער — און האָלץ און פלאַנץ-כלים זענען מקבל טומאה.

מיטוואָך זענען ארויסגעהאנגען געוואָרן די ליכטער: די זון, די לבנה, די שטערן — און אויף זיי איז קיין טומאה נישט חל.

דאָנערשטיק זענען באשאפן געוואָרן פיש און עופות — און אויב עמיצער מאכט פון זיי כלים, זענען זיי נישט מקבל טומאה.

דעם זעקסטן טאָג זענען באשאפן געווארן חיות, בהמות, שרצים און דער מענש להבדיל: און כלים געמאכט פון זייערע ביינער, הויט אדער פעל זענען מקבל טומאה.

דערפאר קען יום-כפור, וואס איז א טאָג פון כולו טהרה, פון לויטער ריינליכקייט, ווי ס'שטייט: „לפני ד' תטהרו”, פאר גאָט זאָלט איר ריין ווערן — אויספאַלן נאָר אין אזעלכע טעג פון דער וואָך, וואס זענען לויטער ריינליכקייט, כולו טהרה. (אוצרות חיים, פרשה מצורע).

פארוואָס האָט מען מתקן געווען, אז ווידוי, וואס מען זאָגט יום-כפור (חטאנו, עווינו, פשענו און „על חטא שחטאנו לפנך”). זאָל געזאָגט ווערן אין לשון רבים און נישט אין לשון יחיד (חטאתי, עויתי, פשעתי און „על חטא שחטאתי לפניך)?

— דאָס האָט מען געטון דערפאר, וואָס כל ישראל איז ווי איין גוף; און יעדער איינער פון ישראל איז אן אבר פון דעם כלל; און דאָס איז דער געדאנק פון די ערבות, וואס ישראל זענען ערוב איינער פאר'ן צווייטן: ווען א צווייטער איד באגייט א זינד, איז גלייך ווי דו אליין וואָלסט זי געטון; און דערפאר, ווען

דו אליין האסט אפילו קיין זינד נישט באגאנגען ביזטו מחויב צו מתודה זיין זיך, ווייל דיין פריינט אדער באקאנטער איז באגאנגען דעם חטא. (יסוד התשובה, פרק ו׳ אין נאמען פון אר״י ז״ל).

א צווייטער טעם איז:

פארוואס האט מען מתקן געווען על חטא לויטן אלף־בית?

דער וואס זינדיקט איז מאבד די וועלט, וואס איז באשאפן געווארן מיט די אותיות פון דער תורה. טא זאל קומען דער ווידוי, לויטן אלף־בית, און מתקן זיין דאס, וואס די זינד האבן געשעדיגט אין די אותיות פון וועלט־באשאף (עשרה מאמרות חלק א׳ פרק ו׳).

ס׳איז געגליכן צו א מלך וועמענס ווייב, די מלכה, האט זיך פארזינדקט און ער האט זי פארטריבן אין מרחקים.

ווען זי האט זיך דערמאנט אין דעם הדרת מלך, וואס זי האט פארלוירן דורך אירע זינד, האט איר שטארק באנג געטון און זי האט זיך טיף מצער געווען. וואסזשע האט די מלכה געטון? איז זי געקומען פארן הוד מלכות, איר מאן, און האט גענומען די זעלביקע הארף אויף וועלכער מען האט געשפילט בעת זייער חתונה און זי האט געשפילט און צוגעברומט, אזוי צו זאגן: „איך האב מיך קעגן דיר פארזינדיקט; איך האב געטון ווידערשפעניגן אין דיר״. און זי האט געוויינט און געטון זיך מתודה זיין אויף אירע זינד, ביז דער מלך האט זיך געטון דערבארימען איבער איר. ער האט זיך דערמאנט אין דער יוגענט־ליבע, און ער האט געזאגט:

— סלחתי כדבריך! איך האב דיר געטון פארגעבן, ווי דיינע רייד.

דאס איז דער משל, און דער נמשל?

דער מלך — דאס איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. און די א ש ה, די מלכה — דאס מיינט מען די כנסת

לכבוד יום טוב

ישראל ווייל ער האָט אונז מקדש געווען אויפן בארג-סיני און האָט אונז געגעבן די הייליקע תורה, וואס איז געשריבן מיט די צוויי-און-צוואנציג אותיות פון אלף-בית ,ביז מיר האָבן ווידער-שפעניקט זיין געבאָט און ער האָט אונז פארטריבן פון אונזער לאנד און אָרט, צווישען די פעלקער פארשפרייט און צעעוואָרפן: דערמאָנען מיר אין גלות די הייליגקייט, וואָס מיר האָבן פאר-מאָגט אין דער צייט, וואָס דער מקדש איז געווען; און איצט זענען מיר אין דער אומריינקייט פון פרעמדע לענדער...

טוען מיר זאָגן צו אונזערע הערצער, לאָמיר נעמען די הארפע, אויף וועלכער מען האָט געשפילט בעת אונזער האָב-צייט מיטן מלך מלכי המלכים — דעם אלף-בית, מיט וועלכער די תורה הקדושה איז געגעבן געווארן; און מיר שפילן אויף דער אלף-בית׳ הארף, און מיר זענען זיך מתוודה דורך איר גע-שפיל און מיר וויינען איבער די אותיות פונם אלף-בית-וידוי, ביז עס וועלן דערוואַרימען זיך די רחמנות פון השם יתברך, ווען ער וועט זיך דערמאָנען זיין ערשטעע ליבע צו אונז, ווי אין דעם טאָג פון דער האָכצייט, דאָס איז דער טאָג פון מתן-תורה, און ער זאָל אונז דערלייזן פון גלות במהרה בימינו, אמן כן יהי רצון... („תפארת עוזיאל")

הונדערט און דרייסיק

סוכות

משיב הרוח...

ביים ביאַליסטאָקער חסידישן רבי׳ן, ר׳ נחום קאָברינער, זייַנען שמיני עצרת נאָך האַלבן טאָג געזעסן עטליכע חסידים און געזאָגט תהילים און געלערנט.

גייט אַריין דער רבי און זאָגט זיי:

— אידן, איר ווייסט, אַז היינט האָט מען שוין געזאָגט „משיב הרוח ומוריד הגשם״? איז וואָס טוט איר עפּעס ניט גאָרניט?

בלייבן די חסידים פאַר׳חידוש׳ט און פאַרשטייען ניט וואָס דער רבי מיינט.

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? — מאַכט דער רבי, — גאַנץ חודש אלול און ביז היינט איז געווען גאָלע „רוח״ (גייסט, תשובה); אָבער היינט, שמיני עצרת, איז שוין אויס: „משיב הרוח״ בלאָזט מען אַוועק דעם גייסט, און „מוריד הגשם״, און מ׳נידערט אַראָפּ צום „גשמיות״ (פרייד, געזאַנג).

„סוכה״ פּונקט ווי „דירה״

צוויי אידן האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו בויען אַ סוכה בשותפות. האָט איינער אויסגעלעגט די הוצאות, און נאָך יום-טוב האָט געמאָנט ביים צווייטן זיין חלק הוצאות. דער צווייטער איז אָבער געווען אַ גרויסער קמצן, האָט ער ניט געוואָלט באַצאָלן.

זיינען זיי אַוועק צום רב מיט אַ דין תורה.

זאָגט דער קמצן:

— רבי, איידער איר פּסק׳נט וויל איך רופן אַן עדות. זאָל קומען דער בעל-הבית פון דער דירה וואו איך וואוין!

ווען דער בעל-הבית פון דער דירה קומט אַריין, טוט אים דער קמצן באַלד אַ פרעג:

לכבוד יום טוב

— זאָגט, בעל־הבית, האָב איך אייך שוין באַצאָלט דירה־געלט פאַרן גאַנצן יאָר.

מאַכט דער קמצן ווי א זינגער:

— איצט זעט איר, רבי, אז כ׳בין אן ערליכער איד? איך בין מקיים דעם דין „תשבו כעין תדורו״, אז די סוכה דאַרף זיין פּונקט ווי א דירה — כ׳האָב קיין דירה־געלט ניט באַצאָלט, באַצאָל איך אויך ניט קיין סוכה־געלט!

א נאַר שאָקלט זיך...

ווען מ׳בענטשט אתרוג מאַכן געלערנטע אידן, אויך „נענועים״ (נאַאַנואים, שאָקלונגען). מען שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו „מזרח״ און מ׳שאָקלט דעם אתרוג און לולב הין־און־צוריק, אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, מזרח־דרום־מערב־צפון, אַרויף צום הימל און אַראָפּ צו דער ערד. אינאיינעם שאָקלט מען זעקס־און־דרייסיק „נענועים״. געלערנטע אידן האָבן דערביי פיל טיפע גע־דאַנקען (כוונות)..

איינמאָל האָט איינער, א רייכער גראָבער יונג, אויך געוואָלט גיין מיט „נענועים״. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? האָט ער גערופן א לערער און אים באַצאָלט, אז ער זאָל אים אויסלערנען ווי צו שאָקלען מיטן אתרוג און לולב.

דער לערער האָט געקנעלט מיטן גראָבן יונג א גאַנצן חודש אלול, און ער איז געווען זיכער אז זיין גראָבער „תלמיד״ קען שוין די מלאכה.

ס׳איז געקומען יום טוב סוכות, האָט דער גראָבער יונג גע־קויפט א שיינעם אתרוג מיט א לולב, געקומען מיט „גדלות״ (גרויסקייט) אין שול אריין, און געוואָלט ווייזן די איידעלע אידן, אז ער קען שוין אויך גיין מיט „נענועים״ אזו יווי זיי.

הונדערט פיר און דרייסיק

סוכות

דער קאָפּ איז אָבער פאָרט געווען א גראָבער. האָט ער פאַר־געסן וואָס דער לערער האָט אים אָנגעזאָגט, און אָנשטאָט זיך אוועקצושטעלן מיטן פּנים צו „מזרח", האָט ער זיך געשטעלט צו „צפון".

ווען דער עולם אין שול האָט אָנגעהויבן צו מאכן „נענועים", בשעת מ'האָט געזאָגט הלל, און דערביי נאָך געמאכט א גרויסן טומל מיטן לולב, אז אלע זאָלן הערן און זען.

דאָ האָט זיך דערהערט א גרויס געלעכטער צווישן עולם. ווען אלע האָבן געשאָקלט צו מזרח, האָט ער געשאָקלט צו צפון; ווען יענע האָבן געשאָקלט צו מערב, האָט ער געשאָקלט צו דרום — און אלע וואָס האָבן דאָס געזען, האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאלטן פון געלעכטער.

דער גראָבער יונג איז געוואָרן שטארק אין כעס און אויסגע־שריגן אויף א קול:

— איך וויים, איך וויים! דאָס טוט איר איידעלע אידן, אומיסטן, מיר אויף צו־להכעיס, ווייל ס'פאַרדריסט אייך וואָס איך קען בע־סער פון אייך!...

דאמאלט איז ארוים דאָס אידישע ווערטל:
„א נאר, א נאר — און שאָקלט זיך!"...

ניטא קיין אתרוג, בענטשט מען ניט

ר' לייבעלע ר' בער'ס איז געווען אן אָנגעזעענער בעל־הבית אין ווילנע. ער איז געווען א גרויסער גביר און דערצו א גרויסער למדן און א צדיק. ר' לייבעלע האָט תמיד געהאט דעם שענסטן טלית, די שענסטע תפילין און ווער שמועסט סוכות — דעם בעסטן אתרוג.

איין יאָר איז שווער געווען צו קריגן אתרוגים. אן אתרוג האָט אָפּגעקאָסט א גאנצער פארמעגן, יענעם סוכות זיינען אין

לכבוד יום טוב

גאנץ ווילנע געווען ניט מער ווי צוויי אתרוגים. איינעם האָט גע־האט קהל און דעם צווייטן האָט געהאט ר׳ לייבעלע ר׳ בער׳ס, וואָס האָט זיך אויף אים געלאָזט קאָסטן א סך געלט.

דעם ערשטן טאָג סוכות איז ר׳ לייבעלע׳ס משרת אויפגע־שטאַנען פרי, ארויסגענומען דעם אתרוג פון דער זילבערנער פושקע און אָנגעהויבן זאָגן דעם „יהי רצון" פון אתרוג-בענשען. אין מיטן האָט דער משרת דערהערט, אז ר׳ לייבעלע גייט, איז ער געוואָרן א צוציטערטער און פון גרויס שרעק איז אים דער אתרוג ארויסגעפאלן פון האנט און דער פיטום האָט זיך אָפגעבראָכן.

ר׳ לייבעלע דערזעט ווי זיין משרת שטייט בלייך ווי די וואַנט און ציטערט ווי א בלאַט, און דער אתרוג ליגט אויף דער ערד אַ פסול׳ער. איז ער ניט אין כעס געוואָרן אויף אים, נאָר האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט געלאַסן:

— מילא, אז עס איז נישטאָ קיין אתרוג, בענשט מען ניט...

די ברכה אין פעלד

א צדיק איז אמאל דורכגעפאָרן א דאָרף, וואו ס׳האָט גע־וואוינט א רייכער אידישער פארמער. דער פארמער האָט מיט גרויס כבוד אויפגענומען דעם גרויסן גאסט, און ער האָט געבעטן ביים רבי׳ן א ברכה. דער רבי האָט אים געבענטשט, אז דאָס גע־רעטעניש אין פעלד זאָל זיין מיט שפע.

סוכות-צייט, נאָכ׳ן איינזאמלען די תבואה פון פעלד, איז דער פארמער געקומען צום רבי׳ן, אים געבראכט א שיינע מתנה און געזאָגט:

— רבי, אייער ברכה איז מקוים געוואָרן, די שפע אין פעלד איז ביי מיר געווען היינטיקס יאָר אזוי גרויס, ווי קיינמאָל נאָך ניט. איצט בעט איך אייך, איר זאָלט מיך בענטשן, כ׳זאָל האָבן אזא שפע אין פעלד ניט איינמאָל, נאָר גאנצע צוויי מאָל אין יאָר!...

הונדערט זעקס און דרייסיק

מאכט דער רבי :

— האסט גע׳פועל׳ט! איך גיב דיר א ברכה זאָלסט קאָנען זייען און שניידן דיינע תבואות צוויי מאָל אין יאָר, אבער — אויך אין יאָר וועט אריין די ברכה און ס׳וועט האָבן ניט 12 חדשים, נאָר גאנצע 24 חדשים.. .

ער האָט ליב א שווערע מצוה. . .

אין א דאָרף האָבן געוואוינט עטליכע אידן. ערב סוכות האָבן זיך די דאָרפס-אידן צונויפגעלייגט און געקויפט אן אייגענעם אתרוג און לולב צום בענטשן.

איינער פון די דאָרפס-לייט איז אבער געווען א גרויסער קמצן (קארגער מענטש) און ניט געוואָלט געבן צושטייער אפילו א פרוטה.

דעם ערשטן טאָג סוכות האָט איינער פון די דאָרפס-לייט גע-נומען אויף זיך אליין צו זיין דער „שמש" און טראָגן דעם אתרוג און לולב צו יעדן דאָרפס-איד אין הויז אריין. ווען ער איז פאר-ביינעגאנגען דעם קמצן׳ס הויז, האָט ער זיך פארקירעוועט און איז אוועק ווייטער. זאָל דער קמצן ניט בענטשן קיין אתרוג!

דער קמצן האָט אָבער זיך באהאלטן אין א ווינקל, און ווי ער האָט געזען דעם „שמש", איז ער אים נאָכגעלאָפן, אים געכאפט און אויפגעהויבן אים מיט׳ן אתרוג צוזאמען אין דער לופטן און געמאכט די ברכה „על נטילת לולב", נאכדעם האָט ער דעם שמש איבערגעקערט מיט׳ן אתרוג צוזאמען און געמאכט די צווייטע ברכה „שהחיינו".

— אהא! — אָטעמט ער שווער אָפּ, — אהא, איצט ווייסט איר שוין פארוואס כ׳האָב ניט געוואָלט געבן קיין געלט צושטייער אויפ׳ן אתרוג? כ׳האָב ליב, אז א מצוה זאָל מיר אָנקומען שווער, ניט מיט גרינגע לעבערלאך, אזוי ווי אייך !...

לכבוד יום טוב

סוכת שלום

פארוואס רופט מען דעם יום טוב סוכת-שלום"? ווייל מיר גלויבן אז יום כפור האָבן מיר געהאט א גמר חתימה טובה, איז שוין ממילא ניטא קיין שום מורא פאר א קיטרוג חלילה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: כי כתב אשר נכתב בשם המלך אין להשיב.

מפרשים געפינען דערויף א רמז אין דער תורה „וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה (בראשית ל"ג ט"ז), אז עשו דער שעיר לעזאזל איז שוין אוועק אין דער מדבר ווי דער פסוק זאָגט: ונשא השעיר את כל עוונותם אל ארץ גזרה, איז „ויעקב נסע סוכותה", דאמאלט זעצט זיך דער איד רואיק אין סוכה. און ווייטער זאָגט דער זעלבער פסוק „ויבן לו בית" א רמז אויף דער אידישער גאולה, אז ס'וועט מקוים ווערן די רייד פון נביא (עמוס ט' י"א) „ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת". ווידעראמאל וועט אויפגעשטעלט ווערן די מלוכה פון דוד המלך.

(שפתי כהן).

מועדי ה' אשר תקראו אותם

וועדליק די חז"ל, בעט זיך השם יתברך ביי די אידן אים צו-צונעמען פאר א שותף צו זייערע ימים טובים. חציו לה' וחציו לכם (פסחים ס"ח, ב'). א האלבער יום טוב זאָל געהערן צו אייך און איר זאָלט זיך דאמאלט לאזן וואוילגיין, און א האלבער יום טוב זאָל געהערן צו מיר. איר זאָלט דאמאלט זיך פארזאמלען אין די שולן, דארטן ארייננקוקן אין א אידישן ספר און זיך פאר-טראכטן וועגן דער דערציאונג פון אייערע קינדער.

איצט לאָמיר זען ווי ס'זעט אוים דער שותפות.

דערציילן די חז"ל, אז א גוי איז אמאל געקומען צו רבי עקיבא און אים געפרעגט א הארבע קשיה: אין אייער תורה שטייט: אלה הם מועדי, הייסט עס אז גאָט האָט ליב אייערע ימים טובים. לסוף

שטייט גאר אויף אן אנדער ארט: חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטורח, און דאס מיינט דאך אז גאָט האָט פיינט די אידישע ימים טובים ?

האָט רבי עקיבא אים געענטפערט (תנחומא פנחס):

אזוי מיינט דער פסוק: מועדי ה׳ אשר תקראו אותם מקראי קודש, אָט די ימים טובים וואס איר אידן פלעגט אמאָל האלטן הייליק, געגאנגען אין שול, געדאווענט און געלערנט — אלה הם מועדי, אָט די זיינען מיינע ימים טובים און צו זיי בין איך א שותף. אבער חדשיכם ומועדיכם, אָט די ימים טובים וואס זיינען בלויז פאר אייך, בלויז איר עסט און טרינקט, און אין מיר פאר-געסט איר — אָט די ימים טובים שנאה נפשי, די האב איך פיינט און זיינען מיר א לאסט.

(ילקוט טוביה)

די מדרגה פון זיין א הדיוט

דער רבי, ר׳ פישעל סטריקאָווער, פלעגט זיצן אין סוכה אפילו בשעת א רעגן. האָט מען אים איינמאָל געפרעגט: היתכן? ס׳ווערט דאָך בפירוש געזאָגט אין שלחן ערוך, אז אין א רעגן איז מען פטור פון זיצן אין סוכה, און דארויף זאָגט דאך דער רמ״א אז דער וואס זיצט איז סוכה הגם ער איז דערפון פטור, ווערט ער אָנגערופן א הדיוט און וועט קיין שכר ניט קריגן ?!

האָט דער סטריקאָווער געענטפערט: באַדיי צו זיין אַ הדיוט און אין סוכה צו זיצן, ווארן צו זיין א הדיוט איז אויך א מדרגה.

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר

פרי עץ הדר, זאגן די חז״ל, מיינט אן אַתרוג, און ער רופט זיך פרי-עץ ווייל ביידע, די פרי און דער בוים, האָבן איין און זעלבן טעם. אָט דאָס דאָזיקע באווייזט די וויכטיקייט פון געבן

לכבוד יום טוב

קינדער אַן עכט אידישע דערציאונג כדי זיי זאָלן זיין ווי דער בוים פון וועלכן זיי וואַקסן, ס'מיינט, זיי זאָלען ריידן די זעלבע שפּראַך וואָס זייערע עלטערן, האָבן די זעלבע אידישע הנהגה און אין יעדן אופן זיין גלייך מיט זייערע אבות אבותם.

ולקחתם לכם ביום הראשון, און שוין אין סאַמע ערשטן טאָג וואָס אייער קינד גייט אַרויס אויפן לעבנס-שליאַך זאָלט איר זען אַז ער זאָל זיין אַ פּרי עץ הדר און האָבן דעם זעלבן טעם ווי דער בוים פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן.

(לויטן תולדות)

סוכות אויף די דעכער . . .

דער רבי, ר' משה קאָברינער, פלעגט האָבן גרויס הקפּדה אויף די גאוה'דיקע חסידים, וואָס האָבן אויסגעמיטן צו זיצן צוזאַמען מיט די אָרימע שכנים אין איין סוכה. ער פלעגט דאַרויף זאָגן: אין דער גמרא (עבודה זרה) שטייט: לעתיד לבוא וועט גאָט ברוך הוא אויספּרובירן די בני עשיו און זיי זאָגן, אַז ער האָט זער אַ לייכטע מצוה און זי הייסט סוכה. וועט יעדער איינער פון די בני עשיו זיך אויפשטעלן אַ סוכה אויפן דאַך. איז דאָך די קשיה: פאַרוואָס עפּעס דוקאָ אויפן דאַך? איז דער תירוץ: יעדער עשיו וועט זיך וועלן באַוואָרענען, אַז דער אידישער שכן זיינער זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן צו אים אין סוכה.

אַ רמז אויפן גלות

דער רוזשינער רבי פלעגט זאָגן, אַז די סוכה, די דירת-אַרעי, איז אַ רמז אויפן גלות. ווערליק דעם דין, טאָר דער סכך ניט זיין מחובר לקרקע, באַהאַפטן צו דער ערד, איז דאָס דאָזיקע אַ רמז אויף דער אידישער באַדנלאָזקייט. דער דין איז אויך, אַז אַ סוכה וואָס איז הויך בלויז צען טפחים און מ'קאָן אין איר דעם קאָפּ

הונדערט און פערציק

ניט אויפהויבן איז אויך א סוכה, וואָרן אין גלות איז דער איד תמיד געצוואונגען צו גיין דעם קאפּ אראָפּגעלאָזן. דער דין איז אויך, אז תעשה ולא מן העשוי, אז דער איד מוז אליין שאפן און בויען די סוכה, איז עס א רמז אויפן גלות וואו דער איד מוז תמיד בויען זיין לעבן און קאָן קיינמאָל ניט געניסן דערפון וואס אנדע-רע האבן געבויט פאר אים.

מיט צוויי זאכן שטראפט מען ניט

דער ראפּשיצער רבי פלעגט זאגן, אז נשים פטורין מן הסוכה ווייל אויף א אידן וואס איז מחוייב גלות, זאגט די גמרא (מכות י״ג) אז מיט צוויי זאכן שטראפט מען אים ניט. אי אפּ-ריכטן גלות און מוזן ארויסוואנדערן פון דער באקוועמער דירה אין דער סוכה אריין און אי זיצן דארטן מיטן ווייב — ניין, אונזערע דינים זיינען יושר׳דיקע און מיט צוויי זאכן מיטאמאָל באשטראפט מען ניט.

די יחוס׳דיקייט פון אתרוג

די פיר מינים שטעלן מיט זיך פאר די פיר סארטן אידן: דער אתרוג, דער פרי עץ הדר, סימבאליזירט דעם שיינעם אידן, דעם למדן און בעל צדקה; די ערבה, וואס האָט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח, סימבאליזירט דעם אידן וואס האָט ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים טובים; דער הדס, וואס האָט א ריח אבער ניט קיין טעם, סימבאליזירט דעם אידן וואס איז פשוט אבער הארציק; דער לולב, וואס האָט א טעם אבער ניט קיין ריח, סימ-באליזירט דעם אידן וואס איז א למדן אבער האָט ניט קיין מעשים טובים.

דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק האָט דארויף געזאגט, אז ביי די פיר מינים קאָן מען באמערקן א מערקווירדיקע זאך: די

לכבוד יום טוב

לעצטע דריי מינים, דער לולב, ערבה און הדס, קאָנען זיך צונויפ־בינדן צוזאמען; דער אתרוג אבער, דער שיינער איד, בלייבט תמיד אן אפּגעזונדערטער, א מיוחס פאר זיך אליין.

דער אתרוג און דער איד

דער ראדאמסקער רבי, ר' שלמה, האָט אמאל פארן אתרוג בענשן געזאגט: יעדע פּרי האָט זיך איר צייט און אירע קלימאטי־שע באדינגונגען אין וועלכע זי קאָן וואקסן און בליען. פאראן, למשל, פּירות וואס וואקסן בלויז אונטער דער ווארעמקייט פון דער זון און שטארבן אין דער קאלטקייט פון הארבסט. פאראן ווי־דער פּירות וואס וואקסן דוקא אין קאלטקייט און ווערן פארטריקנט און פארוועלקט אין דער ווארעמקייט. דער אתרוג איז די איין און איינציקע פּרי וואס וואקסט אויפן בוים דעם גאנצן יאָר, זומער און ווינטער, און קאָן אריבערטראגן די גרעסטע פרעסט און די שטארקסטע היצן.

די פעלקער אויף דער וועלט זיינען פונקט ווי די פּירות; יע־דעם פאָלק האָט זיך זיין צייט און קלימאטישן באדינג ביי וועלכע ער קאָן זיך אנטוויקלען. בלויז דער איד, דער אתרוג און פּרי עץ הדר, קאָן לעבן אין יעדער צייט און אונטער יעדן באדינג.

ביי הצליחה נאָ דרייט מען זיך ניט

א איד איז אמאָל געקומען צו ר' יצחק אלחנן, דעם בארימטן קאָוונער גאון, פרעגן אן עצה צי ער זאָל פאָרן קיין אמעריקע.

— האָט איר פּרנסה? — פרעגט אים ר' יצחק אלחנן.

— מיט פּרנסה — ענטפערט דער איד — איז געלויבט השם יתברך דערפאר, אבער קיין הצלחה האב איך ניט; ס'פעלט מיר פּשוט דאָס שטיקעלע מזל אפצושפארן א פאר גראשן.

הונדערט צוויי און פערציק

סוכות

— אויב אזוי — האָט אים ר׳ יצחק אלחנן געזאָגט — דאַרפט איר קיין אמעריקע ניט פאָרן, און איר קענט מיין עצה אַרויסלער-נען פון די דינים אין יום טוב סוכות. בעת מ׳זאָגט אין הלל „הושיעה נא״, ס׳הייסט בעת מ׳בעט ביי גאָט ער זאָל אונז העלפן, מאַכן מיר כלערליי נענועים מיטן אתרוג און מ׳שאָקלט זיך און מ׳דרייט זיך פון מזרח אין מערב, פון צפון אין דרום, אַהין און אַהער, אַהער און אַהין. בעת מ׳זאָגט אָבער „הצליחה נא״, ס׳הייסט בעת מיר בעטן אויף הצלחה, בלייבט מען שטיין אויפן זעלבן אָרט, מ׳דרייט זיך ניט און מ׳שאָקלט זיך ניט.

די אושפּיזין זיינען שולדיק

א חסיד איז אַהיימגעקומען אַביסל בגלופינ׳דיק, און באַגע-גנט געוואָרן פון זיין ווייב מיט א מענה לשון:

— א וויטיק איז מיר, קאָנסט דאָך אויף די פיס ניט שטיין! ווי שעמט זיך ניט א איד אזוי פיל צו טרינקען?!

— נאַרישע אידענע, וואָס דו ביסט! — ענטפערט איר דער בגלופינ׳דיקער מאַן — דו ווייסט דאָך, אז איך בין ניט חלילה קיין שיכור נאָר פאַרשטייסט, אַריינקומנדיק אין סוכה און עפענענדיק דעם סידור צו מאַכן קידוש, גיב איך א קוק: אהא, די אושפּיזין! גאַנצע זיבן חשובע געסט! נו, האָב איך געמוזט טרינקען מיט יעדן פון די געסט לחיים, אָבער איך א שיכור — חלילה!

ווען מ׳פאַלט אַריין אין קהל׳שע הענט

ר׳ יוסף קאָזלאָווער איז געווען באַרימט מיט זיין לומדות און צדקות, און מ׳האָט אים אָפט אָנגעבאָטן א רבנות שטעלע אין די דערבייאיקע שטעטלעך. דאָס שכנות׳דיקע און מיוחס׳דיקע שטעטל ברעזשאַן, איז שטאַרקער פון אַלע אַנדערע צוגעשטאַנען

לכבוד יום טוב

צו ר׳ יוסף׳ן צו ווערן זייער רב. אויך זיין ווייב איז דאָס מאָל צו־געשטאנען און דורכאויס געפאדערט ער זאָל אננעמען די רבנות, ר׳ יוסף איז אבער פארבליבן פער׳עקשנ׳ט און באין אופן ניט געוואָלט ווערן א רב.

איינמאָל, פאר סוכות, איז דאָס ווייב זיינס גאר שטארק צו־געשטאנען ער זאָל אננעמען דעם כתב רבנות אין ברעזשאן.

— ווייסטו וואס — האָט ר׳ יוסף געזאגט צו זיין ווייב — אויב דו וועסט מיר קויפן אן אתרוג א מהודר׳ל, וועל איך מרוצה ווערן צו זיין ברעזשאנער רב.

איז די רביצין אוועקגעפארן אין דער גרויסער שטאדט, און אים געבראכט אן אתרוג, אן אמת׳ן הדר. אז מ׳האָט זיך אין שטעדטל דערוואוסט, דאָס ר׳ יוסף האָט אן אתרוג אן אנטיק, עפּעס אזוינס וואס מ׳האָט נאך קיינמאל ניט געזען, איז די גאנצע שטעדטל געקומען אים באקוקן און באטאפּן ביז ער איז געווארן שווארץ און באפלעקט איבער אים קיין ברכה ניט צו מאכן.

— זע, — האָט ר׳ יוסף געזאגט צום ווייב — דער שענסטער אתרוג ווערט אויס הדר, פארשווארצט און באפלעקט, ווען ער פאלט אריין אין קהל׳שע הענט. . .

אז מ׳דערהויבט איינעם העכער ווי ער איז

אין דער ראדיניער ישיבה איז געווען א מנהג ,אז די ישיבה בחורים פלעגן זיך צונויפקומען יעדן טאג סוכות צו ר׳ ישראל מאיר דעם „חפץ חיים” אין סוכה און זיך דארטן שטארק משמח זיין.

איינמאָל א סוכות ווען די ישיבה בחורים האָבן זיך שטארק צעהוליעט און אריין אין גרויס עקסטאז, האָט איינער א געזונטער ישיבה בחור א כאפּ געטאן דעם קליינגעוויקסיקן חפץ חיים, אים אויפגעהויבן אין דער הויך און אוועק מיט אים אין א טאנץ. דער

חפץ חיים, וועלכער איז געווען א גרויסער עניו און גוטמוטיקער, האָט דעם מאָל זיך געפילט געקריוודעט און כמעט ווי אנגעביי-זערט זיך אויפן ישיבה בחור. דער בחור איז אריינגעפאלן אין גרויס עצבות, און זיך אפגערוקט א צעוויטיקטער און טרויערי-קער אין א ווינקל. דאמאלט איז דער חפץ חיים צוגעגאנגען צום בחור, און פאטערלעך צו אים א זאג געטאן:

— פארשטייט איר מיך, ישיבה בחור, מ'טאר א מענשן ניט הויבן העכער ווי ער איז, ווארן ער קאָן נאָך חלילה ווערן א חוטא במידות. . .

פרעמדס בלייבט פרעמדס.

אויף דעם פסוק פון רות: „אל תלכי ללקוט בשדה אחר" (זאָלסט ניט גיין קלייבן אין א פרעמד פעלד). זאגט דער מדרש: „זוהי עבודה זרה" (דאָס איז געצנדינסט).

פרעגט זיך א פראגע:

צו וואס האָט בועז באדארפט דאָס אָנזאָגן און וואָרענען רות'ן? רות איז דאָך ערשט נאָרוואָס אוועק פון „עבודה זרה", כדי צו ווערן א אידישע טאָכטער. זי האָט אפילו ניט געוואָלט הערן די רייד פון נעמי, וועלכע האָט פרובירט איר איינרעדן צו גיין צוריק צו איר פאָלק און איר גלויבן!

האָט דארויף רבי חיים בערלין געזאגט אזוי:

רות האָט טאקע פיינט געהאט „עבודה זרה". אבער ווען זי איז געקומען און דערזען אז אידישקייט איז אלטמאָדיש סיי אין די מנהגים און סיי אין דער שפראך, האָט זי עס געוואָלט אביסל רעפאָרמירן און מאָדערניזירן און באפוצן מיט פרעמדע מנהגים און פרעמדע שפראכן, כדי זיך ניט צו שעמען דערמיט פאר פרעמ-דע לייט. . .

האָט איר בועז געזאָגט:

לכבוד יום טוב

„ווילסטו באמת זיין א אידישע טאכטער, זאָלסטו ניט גיין קלייבן אין א „פרעמד פעלד", ווייל — דאָס אליין איז שוין „עבודה זרה". . .

סוכת שלום

די וועלט פרעגט: פארוואס זאגט מען אז די סוכה איז דער סימבאל פון שלום?

ענטפערט די וועלט: מחמת אין דער וואָך פון סוכות זיינען מאן און ווייב א סך אפגעזונדערט, און ס'איז דאריבער פאראן מער שלום בית. . .

ויעל משה

די תורה דערציילט דאָ די צדקות און מסירת נפש פון משה, אז הגם ער האָט געוואוסט דאָס אויפן בארג וועט ער נפטר ווערן דאָך איז ער מיט שמחה און זריזות ארויף אויפן בארג אָבי כדי וואס גיכער ממלא צו זיין דעם רצון פון הקדוש ברוך הוא.

בית יוסף פון ר' יוסף קארו.

ביסט א למדן, זאג אתה הראית

ווען ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור'ל האָט ער שוין גע'שמ'ט פאר אן עילוי, פאר א גרויסן לער-נער און פאר אן אָפגעהיטענעם פרומען אידן. מיט אים האָט זיך משדך געווען, אים גענומען פאַר אן איידעם, ר' ישראל פרץ, פון לעווערטאָוו, א גרויסער גביר און האָט אים געגעבן קעסט, ווי דער שטייגער איז געווען אין אמאָליקע יאָרן. אין שטעדטל ביים שווער, האָט מען ר' לוי יצחק'ן אָפגעגעבן גרויס כבוד: אַ יונגערמאן אן עילוי און דעם גביר'ס אן איידים.

הונדערט זעקס און פערציק

סוכות

דעם ערשטן טאָג שמחת תורה האָט דער גבאי אין שול מכבד געווען ר' לוי יצחק'ן מיט זאָגן „אתה הראית". דער שמש האָט אים אויפגערופן מיט א שמחת תורה'דיקן ניגון, און דער גאַנ־צער עולם אין שול האָט אנגעשטעלט מויל און אויערן, כדי צו הערן דעם וואוילן יונגעמאן ווי אזוי ער זאָגט „אתה הראית".

ר' לוי יצחק האָט גענומען דעם טלית, געקלערט א ווײַלע און אים צוריק אוועקגעלייגט. גענומען נאָכאמאָל דעם טלית, און אים ווידער אוועקגעלייגט. אזוי האָט ער געטאָן עטלעכע מאָל, דער גאַנצער עולם האָט מיט פארוואונדערונג געקוקט אויף ר' לוי יצחק'ן און דער שווער, ר' ישראל פרץ, האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט פאר בושה. צום סוף האָט ר' לוי יצחק געזאָגט הויך אויפ'ן קול:

— אז דו ביסט א למדן און א חסיד, גיי דו און זאָג „אתה הראית".

קיינער האָט ניט פארשטאַנען וואס ער מיינט מיט דעם צו זאָגן, און ר' לוי יצחק איז ניט געגאַנגען צום עמוד.

קומנדיק אהיים איז דער שווער געווען זער אין כעס. ר' לוי יצחק איז אבער געווען אויפגעלעגט, יום־טוב'דיק. ביים טיש פרעגט אים דער שווער:

— לוי יצחק, פארוואס האסטו מיר אנגעטאָן אזא שאַנד? וואָס ווען לייט זאָגן?

— איך וועל אייך דערציילן, שווער לעבן, ווי די מעשה איז געווען, — האָט אים ר' לוי יצחק געזאָגט. — ווען איך האָב גע־נומען דעם טלית צו גיין זאָגן „אתה הראית" האָב איך דערזען, אז דער יצר הרע איז דאָ.

— ווער ביסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

—און ווער ביסטו? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך בין א למדן, — האָב איך אים געזאָגט.

הונדערט זיבן און פערציק

לכבוד יום טוב

— איך בין אויך א למדן, — האָט ער מיר געזאָגט.
— וואו — האָב איך אים געפרעגט — האָסטו געלערנט תורה?
— און וואו האָסטו געלערנט? — האָט ער מיך צוריק געפרעגט.
— איך האָב געלערנט — זאָג איך — ביי יענעם גאון.
— צוזאמען מיט דיר — זאָגט ער — האָב איך דארט אויך געלערנט.
— איך זאָג איך — בין אבער א חסיד.
— איך בין אויך א חסיד — זאָגט ער.
— וואו — פרעג איך — האָסטו געלערנט חסידות?
— און וואו האָסטו געלערנט? — פרעגט ער מיך.
— אין פרומע ספרים — זאָג איך.
— צוזאמען — זאָגט ער — האָבן מיר ביידע געלערנט.
זע איך, אז ער לאָזט מיך ניט אָפּ, האָב איך אוועקגעלייגט דעם טלית און אים געזאָגט:
— אז דו ביסט א למדן און א חסיד, גיי דו און זאָג „אתה הראית”. . .

א שמחת־תורה׳דיקער חשק. . .

זיצט א איד שמחת-תורה און מאכט אזוי צום עולם:
— אוי, אידן! ווייסט איר ווען כ׳בין איצט מקנא? שלמה המלך! אָבער ניט אויף זיין חכמה און ניט אויף זיין עשירות בין איך אים מקנא, נאָר — אויף זיין „כוס של ברכה”! שטעלט אייך פאָר, אז שלמה האָט, לויט׳ן דין, געמוזט געבן פון דעם „כוס של ברכה” (נאָכ׳ן בענטשן) פארזוכן צו אלע זיינע טויזנט ווייבער, און ערשט האָט ער באדארפט אליין אויסטרינקען דעם „רוב” דערפון, פארשטייט איר שוין וואָס פאר א היפשער כוס וויין דאָס איז געוועזן? אוי, אידן, ווען איך האָב איצט אָט יענעם כוס וויין...

הונדערט אכט און פערציק

די אמת'ע פרייד...

אן אָרימער איד פלעגט יעדן שמחת תורה, ווען נאָר ער איז געוואָרן בגילופין, טאנצן און זינגען „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר" (דער מענטש קומט פון שטויב און ס'ווערט פון אים שטויב).

האָט מען אמאָל געפרעגט:

— ר' איד, איר האָט גאָר ניט קיין פרייליכער לידל צו זינגען שמחת תורה?

מאכט ער א פרייליכער:

— וואָס רעדט איר? ווען א מענטש זאָל קומען פון גאָלד און ס'זאָל פון אים ווערן שטויב, וואָלט עס געווען א גרויסער אומגליק; אָבער אז דער מענטש קומט פון שטויב און ס'ווערט פון אים שטויב, איז דאָך גאָר קיין שאָדן ניט. ווער שמועסט נאָך, אז שמחת תורה כאפט מען נאָך אריין אביסל משקה אויך, איז עס דאָך אודאי אן אמת'ע פרייד...

שמחת תורה

די וועלט פרעגט: סטייטש, די אידן האָבן דאָך מקבל געווען די תורה שבועות, 6 טעג אין סיון, פאַר-וואָס-זשע פראַוועט מען גאָר די שמחה מיט דער תורה ערשט ביים סוף פון חודש תשרי?...

קאָן מען דאָס פאַרענטפערן מיט א משל: א איד האָט חתונה געמאכט זיין טאָכטער, איז ער אויפן אָוונט פון דער חופה ארומגעגאנגען א פארטראכטער און באַזאָרגטער. אויף א פראַגע פון די געסט פאַרוואָס ער איז אזוי פאַרכמורעט בעת ער וואָלט געדארפט זיך פרייען, האָט ער געענטפערט: ווי קאָן איך מיך פרייען, אז איך וויים נאָך ניט צי דער זיווג וועט זיין א געראָטענער?

לכבוד יום טוב

ערשט, אז ס'וועט אוועק אַ שטיק צייט און איך וועל זען, אַז דאָס פֿאָרפֿאָלק לעבט זיך גוט, וועל איך מיך פרייען. אזוי אויך מיט די אידן: ווען זיי האָבן נאָרוואָס איבערגענומען די תורה, האָט זיי משה רבנו נאָך ניט געהייסן זיך פרייען, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז זיי האָבן אָפּגעהיט די ימים נוראים און סוכות לויט דעם געבאָט פון דער תורה, האָט ער זיי געהייסן זיך פרייען מיט דער תורה. . .

ביום השמיני עצרת תהיה לכם

א מאָדנער יום טוב איז דער חג-הסוכות, אנדערש ווי אלע ימים טובים. למשל פסח, שבועות, ראש השנה, יום-כפור זיינען ימים טובים פון איין פארב, איין מין סחורה. סוכות איז אָבער א געמיש פון צוויי ימים טובים צוזאמען, עפּעס א מין שותפות. צוויי ימים טובים גייען בשותפות, און עס הויבט זיך אָן מיט סוכות און עס ענדיקט זיך גאָר מיט שמיני עצרת. שטעלט זיך אַ פראגע: וועלכער פון די צוויי שותפים איז אייגנטלעך וויכטיקער, דער חג הסוכות, וועלכער האלט אָן גאנצע זיבן טעג אדער דער שמיני-עצרת, וועלכער דויערט בלויז איין טאָג?

אין אמת'ן האָבן אָט די בײדע ימים טובים איין אינהאלט, ביידע סימבאליזירן דעם מצב פון אידישן פאָלק, בלויז מיט דעם איינעם אונטערשייד: סוכות שפיגלט אָפּ דעם מצב פון פאָלק ישראל אין גלות, א צובראָכענע געביידע אָן א פונדאמענט, יעדער קלענסטער ווינטל קאָן איר חרוב מאכן, און שמיני עצרת שפיגלט אָפּ אונזער ליכטיקן עתיד ווען אונזערע ימים טובים וועלן גע-הערן צו אונז און וועלן זיין באגאָסן מיט שמחה פון זיכערקייט מיט פרייד פון א פאָלק וואָס איז יושב על אדמתו. זאגט אונז די תורה. „שמיני עצרת תהיה לכם", ענדלעך וועט איר האָבן אייער אייגנס, אייער היים, אייער שמחה.

הונדערט און פופציק

און אלץ גייט לויט'ן סוף, גליקלעך איז דער וואָס פאַרענדיקט מיט א נצחון. דער לעצטער אַקט געהערט צו אונז. שמיני עצרת תהיה לכם !
(„דברים ככתבם", פון הרב גרויבאַרט ז"ל).

ווער עס דאַרף טאַנצן

איינמאָל האָבן אידן זיך שטאַרק משמח געווען שמחת תורה אין דער לעמבערגער שול.

גייט צו דער לעמבערגער רב צו א אידן און פרעגט אים:

— משה, וואָס איז די שמחה אויף דיר אזוי גרויס?

— מיר האָבן דאָך באַקומען די תורה — האָט דער איד גע-ענטפערט.

האָט דער לעמבערגער רב אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט:

— אַ גאַנץ יאָר לערנען מיר די תורה, און אז עס קומט שמחת תורה, זיינען זיי זיך גאָר משמח. . .

א שמחת־תורה טעם. . .

זיצט אמאָל א מגיד און טרינקט מיט'ן עולם לכבוד יום טוב און באַלעקט זיך פון דער געשמאַקער משקה, און פּלוצים צע-שמייכלט ער זיך.

פרעגט מען אים:

— ר' מגיד, וואָס שמייכלט איר?

מאכט אזוי דער מגיד:

— די וועלט פרעגט א קשיא: אויב לוט איז טאַקע געווען א צדיק, איז וואָס האָט ער זיך עפּעס אויסגעקליבן צו באַזעצן אין סדום?. . . איצט אָבער איז מיר איינגעפאַלן דער תירוץ: לוט האָט געזען אז סדום איז געווען „כולה משקה", איז ווי האָט ער גע-

לכבוד יום טוב

קענט אוועקגיין ערגעץ אנדערש וואוינען? (א וואָרטשפּיעל: „כולה משקה" אין חומש מיינט — איינגאנצן אָנגעטרונקן מיט וואסער... עס קען אָבער אויך געטייטשט ווערן — פול מיט משקה)...

וזאת הברכה

פאַרוואָס דוכנ'ט מען ניט שמחת תורה?

דער אָנגענומענער תירוץ איז, אז ס'איז מחמת מורא די כהנים זאָלן דאמאלט ניט זיין אביסל בגלופינ'דיק. דער קיידאַנאווער רבי, דער מחבר פון דברי שלום, גיט אָן א מער לומדישן תירוץ:

שמחת תורה לייענט מען די פּרשה וזאת הברכה אין וועלכער משה רבינו בענשט יעדן איינציקן שבט באַזונדער און אויך אַלע אידן צוזאמען, דאריבער דאַרף מען מער ניט דעם ברכת הכהן. די ברכת משה איז פון א פיל העכערער מדרגה איידער די ברכת כהנים.

אשר ברך משה איש האלוקים

דאָס איז דער איינציקער פּסוק אין דער תורה אין וועלכן משה ווערט אנגערופן איש האלוקים.

זאָגט דארויף דער פּסיקתא: משה האָט זוכה געווען צום טיטול „איש האלוקים" ערשט דאמאלט ווען ער האָט געבענשט די אידן, ווארן אהבת ישראל שטייט העכער פון אַלע מידות טובות און איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה.

סוכות'דיק שפּריכוואָרט

„זיי א מענטש — וועסטו עסן אין סוכה!"...

הונדערט צוויי און פופציק

סוכות

ויהושע בן־נון מלא רוח חכמה

אויב א מנהיג הדור וויל משפיע זיין אויפן פאָלק, מוז ער קודם כל אליין זיין מלא וגדוש אין תורה, חכמה און מידות טובות. דאמאלט וועט די השפעה קומען פון זיך זעלבסט דורך דער אייגענער שפע'דיקייט, פונקט ווי א כלי גיסט זיך אריבער פון זיך זעלבסט בעת זי איז פול מיט וואסער.

די תורה הקדושה דערציילט דאָ, אז יהושע מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו — בעת משה האָט געמאכט יהושע'ן פארן מנהיג הדור, איז יהושע שוין געווען מלא וגדוש אין חכמה און דערפאר „וישמעו אליו ישראל — דערפאר איז זיין השפעה געווען גרויס און די אידן האָבן זיך צו אים צוגעהערט.

דער דובנער מגיד בשם ווילנער גאון.

LEKOVOD YOM TOV

Compiled by

Dr. I. Unterman

Published by

Wolf Sales & Bernard Morgenstern

N. Y. 2, N. Y.

1946